NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13032

YIDISHE KINDER IN BIRO-BIDZSHAN

Solomon Davidman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע קינדער אין בירא-בידזשאן

געשיכטעס

פון

שלמה דאווידמאן

אינהאלט:

1. יאָגן זיך צווײ טײכן — — — — — — — — — — 5
2. און דער טאַטע וועט נאָכאַמאָל געבוירן ווערן!... — 15
3. אידע — — — — — — — — — — — 26
4. בירא־בידזשאַן — — — — — — — — — — — 31
5. מאַטעלע פון דאָרף „איקאָר" — — — — — — — 39
6. און די קאַץ איז געשטאָרבן בא דער טיר — — — — 48
7. אַזוי האָט אַ קו געראַטעוועט אַ אינגעלע — — — — 55
8. נאָר דאָס לאַשיקל האָבן זײ געגלעט!... — — 62
9. אַז דאָס הינטעלע האָט אױש געוויינט — — — — 71
10. און פון שטעקן איז געוואָרן אַ שלאַנג!... — — 76
11. ערשטע אידישע סאָוועטישע רעפּובליק בירא־בידזשאַן — — — — — — — — — — 99
12. עס ווערט פאַרשריבן אין בירא־בידזשאַן — — 113
13. אין אַ לאַנד — — — — — — — — — — 122

טייערער פריינט — — — — —!

מיר שיקן אייך דעם ערשטן באַנד פון אַ ספּעציעלער אויסגאַבע, וואָס הייבט אָן דערשיינען צום 50־טן געבוירנטאָג פון מעכאַבער, וואָס קומט אינגיכן אָן.

מיר בעטן אייך אינזינען האָבן:

1. אַז אָן אייער מיטהילף וועלן די ווייטערדיקע בענדער ניט קענען דערשיינען.

2. העלפט פאַרשפּרייטן אַ בוך צו: אַ שאָכן, אַ פריינט, אַ באַקאַנטן, אַן אייגענעם.

3. שיקט אַ מאַטאָנע אייערן אָן אייגענעם אויף יענער זייט יאָם (מיר קענען עס טאָן פאַר אייך).

4. לאַדט איין דעם מעכאַבער מיטן בוך צו אייער: א. פּ. א. צווייג, קינדער־שול פאַראיין, פּראָגרעסיוון אָ. ר., לאַנדסמאַנשאַפט, איקאָר־אַמבידזשאַן קלוב, געזאַנג־ און־שפּיל פאַראיין, דראַמאַטישער קלוב, — אויף אַ ליטעראַרישן אָונט.

שלוימע דאַווידמאַן

5. אַראַנזשירט ביי אייך אין הויז אַ ליטעראַרישן צוזאַמענקונפט פון אייערע שכיינים, פריינט, באַקאַנטע, אייגענע, — און לאַדט איין דעם מעכאַבער מיטן בוך.

6. שיקט צו אַ בריוול מיט אייער מיינונג וועגן בוך.

7. זעט, אַז אייער צייטונג, זשורנאַל זאָל דרוקן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן בוך.

8. שיקט אַריין אַ סומע, לויט אייערע מעגלעכקייטן, וואָס זאָל העלפן דערשיינען די ווייטערדיקע בענדער.

9. זעט, אַז אין צווייטן באַנד זאָל דאָס צעטל פון פריינט פון שרייבער און זיין בוך זיין אַ גרעסערער.

10. שטייט אין שריפטלעכן קאָנטאַקט מיטן מעכאַבער.

אייער

מיט בעסטע גרוסן

שלוימע דאַווידמאַן

אַדרעס:

S. DAVIDMAN'S "SUBWAY LIBRARY"

3109 Brighton 7th St., Brooklyn 24, New York.

יאַג־ן זיך צוויי טײַ־ע־כן, בירא און בי־דזשאַן!

(געווידמעט דעם אַנדענק פון כאַשעוועון טוער פייוול פיידער פון אומאַן)

ס'איז אַזאַ שיינער טאָג אין מיטן אַגוסט, נאָר די יונגע מאַמע אײַדע גייט עפּעס היינט ניט אַרויס אין גאַס. אַלע טאָג גייט די מאַמע אַרויס מיט איר קינד אויף אַ קורצן שפּאַציר. זי זיצט לעבן דער הויז און איר קינד שפּילט זיך אויפן טראָטואַר. צו ווייט קען די מאַמע איצט ניט גיין. ס'איז איר שווער. זי טראָגט אין איר בויך אַ ברודערל אָדער אַ שוועסטערל, אַזוי האָט זי אַליין איר קינד דערציילט. נאָר היינט גייט די יונגע מאַמע פון הויז ניט אַרויס. זי זיצט בײַם פענצטער און קוקט אַזוי טרויעריק אַרויס.

מיטאַמאָל צעזינגט זי זיך אויף שטילע טענער:

יאַ־גן זיך צוויי טײַ־ע־כן,
בירא און בי־דזשאַן.
צווישן ביי־דע טײַ־ע־כן,
אַ פריי־לעך לאַנד פאַ־ראַן . . .

— מאַמע, מאַ, דאָס איז זיידעס ליד . . . וואָס מאַכט זיידע פייוול? . . . ווען קומט ער? . . . ער איז שוין לאַנג ניט געווען. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו קויפן אַן עראָפּלאַן, וואָס וועט פליען פון ניו־יאָרק ביז בירא־בידזשאַן . . . מאַ, וואָס ווײַנסטו, מאַ? —

און דאָס קינד טוליעט זיך צו דער מאַמען. די

מאַמע גלעט דאָס קעפּל פון איר קינד און טוליעט עס צו זיך:

— זיידע פייוול איז היינט אַוועקגעפאָרן אויף אַ לאַנגער, לאַנגער רייזע . . . ער וועט מער שוין צו אונדז ניט קומען, קינד מיינס! . . .

— עס קען ניט זיין, אַז ער זאָל אַוועקפאָרן און זיך מיט אונדז ניט געזעגענען, מאַ. ער האָט דאָך אונדז אַזוי ליב געהאַט. מאַ, סיידן זיידע פייוול איז געשטאָרבן! . . . אָ, ער איז דאָך געווען אַזאַ פריילעכער זיידע . . . ער איז דאָך געווען אַזאַ טאַנצנדיקער און זינגענדיקער . . . מאַ, פאַרוואָס שטאַרבן מענטשן? . . .

— וועסט ניט פאַרשטיין, מיין קינד, ביסט נאָך אַזוי יונג.

— כ'וועל פאַרשטיין, מאַ, כ'וועל פאַרשטיין. דער זיידע פייוול פלעגט מיר דערציילן מייסעס און איך האָב פאַרשטאַנען. איך האָב ליב געהאַט זיינע מייסעס. דערצייל מיר די מייסע פון זיידן, דערצייל, מאַ! — האָט דאָס קינד געבעטן.

די מאַמע איידע האָט פאַרביסן די ליפּן. זי האָט זיך אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן. פריער האָט זי זיך אַביסל פאַרטראַכט, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן וועבן פאַר איר קינד אַ געשיכטע:

„לאַנג, לאַנג צוריק, שוין דאָ אין דעם זיבן און פופציק יאָר, איז אין דער שטאָט אומאַן געבוירן געוואָרן אַ אינגעלע פייוול. אָרעם זיינען געווען

פיוולס טאטע־מאמע. א סאך אידן זיינען געווען אָרעם אין יענער שטאָט. ווייל אין יענעם לאַנד, רוסלאַנד האָט עס געהייסן, האָט רעגירט א צאַר, א קעניג. ער האָט געהאַלטן אַלע פעלקער פאַרש־קלאַפּט, און צווישן אַלע האָבן די אידן געלעבט אַמערגסטן.

ווען דאָס אינגעלע פּיוועלע איז אויסגעוואַקסן, איז ער געווען דאַר. זייער הויך איז ער ניט גע־וואַקסן, ווייל ווייניק האָט ער געהאַט צו עסן. דער טאַטע זיינער איז געווען א קירזשנער, פוטערנע היטלען האָט ער געמאַכט פאַר די פּאַרמערס. נאָר אויך די פּויערים זיינען געווען אָרעם, זיי האָבן ניט געהאַט קיין געלט צו קויפן אַלעמאָל א ניי היטל. האָט דער טאַטע זייער ווייניק פאַרדינט, איז געווען ווייניק צו עסן.

און אויך קיין נייע קליידער האָט דאָס אינגעלע פּיוועלע ניט געהאַט. פון אַלטע קליידעלעך פלעגט דער טאַטע, די מאַמע איבערנייען א פאַר הייזלעך פאַרן אינגעלע.

נאָר דאָס אינגעלע פּיוועלע האָט געהאַט א שיינע שטימע. ער פלעגט זינגען לידלעך. ער האָט ליב געהאַט צו זינגען די לידער, וואָס דער טאַטע און די מאַמע האָבן אים געזונגען.

און ווען ער איז אביסל עלטער געוואָרן, האָט מען אים גערופן פּיוול דער מעשאָרעס. ער האָט יונג אָנגעהויבן אַרבעטן. ער האָט געאַרבעט אין

אַ גאַלאַנטעריי־קראָם באַ „מיריעם־כּײַע די גאַלאַנ־טערייטשניצע פון אומאַנער רוטעם". אַ מעשאָרעס איז ער געווען. ער האָט געהאָלפן פאַרקויפן שטיק־לעך וואָרע אויף־קליידער. און געהאָלפן פאַרדינען אַ שטיקל ברויט און אַ שוך פאַר זיך און זיינע עלטערן.

און פּייוול האָט ליב געהאַט זינגען, איז ער געװאָרן אַ מעשוירער, אַ זינגער באַ אַ כאַזן.

און אַז פּייוול איז נאָך עלטער געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז ניט גוט, וואָס אַ קעניג, אַ צאַר הערשט איבערן לאַנד און פאַר־שקלאַפּט אַלע מענטשן. און ער האָט זיך דער־וואוסט, אַז אַרבעטער קומען זיך צונויף שטילער־הייט ערגעץ, אין פאַרבאָרגענע פלעצער, הינטער דער שטאָט, אין וואַלד. און דאָרטן טראַכטן זיי אויס פּלענער, רעדן זיך צענויף ווי אַזוי אַרונטערצע־וואַרפן דעם קעניג און באַפרייען דאָס לאַנד פון שקלאַפעריי. ער האָט זייער געוואָלט, אַז אַלע מענטשן זאָלן לעבן פריי און גלייך, און ס׳זאָל ניט זיין קיין אָרעם און רייך. און נייע לידער האָט ער זיך אויסגעלערנט באַ די אַרבעטער. לידער פון אַ שיינער און אַ פרייער וועלט.

נאָר אַז פּייוול איז אַלט געוואָרן איין און צוואַנ־ציק יאָר, האָט ער געמוזט ווערן אַ סאָלדאַט פאַרן קעניג. דער קעניג האָט געדאַרפט האָבן אַ סאַך סאָלדאַטן, אַז ער זאָל קענען האַלטן דאָס לאַנד מיט

מענטשן אין שקלאפעריי. א פאר יאר איז פייוול געווען א סאלדאט און דערנאך איז ער אנטלאפן פון קעניגס קאזארמעס, זיך באהאלטן אין קעלערן און אויף בוידעמס, באנאכט געפארן פון שטאט צו שטאט, ביז ער איז אנטלאפן פון דעם קעניגס לאנד און אוועק קיין אמעריקע.

נאר דא איז אים אויך ניט געווען אזוי גוט. ער איז געווען ארעם. בלויז צוויי הענט האט ער גע־האט. האט ער געארבעט. אין א שאפ האט ער געארבעט א גאנצן טאג. אין א ליד פון שווערער ארבעט האט ער זיך געזונגען.

דא האט ער כאסענע געהאט. און צוויי מיידע־לעך האט אים זיין פרוי געבוירן. איינע איז דיין מאמע אידע. דיין באבע איז קראנק געווארן און מ׳האט זי אוועקגענומען אין א שפיטאל. און מער האבן די מיידעלעך קיין מאמע ניט געהאט.

און דער טאטע פייוול איז געווען אזא גוטער טאטע. א טאטע און א מאמע צוזאמען. ער האט געזען, אז די מיידעלעך זאלן האבן וואס צו עסן און צו טרינקען. זיי זאלן האבן שיך און קליידער. זיי זאלן זיך לערנען אין סקול און אין שול. ער האט זיי דערציילט מייסעס, ווי ער פלעגט דיר דערציילן, און זיי געזונגען שיינע לידעלעך.

און אויך דא פלעגט ער גיין אויף אלע מיטינגען פון ארבעטער. ער פלעגט העלפן, אז ארבעטער זאלן קריגן מער באצאלט פאר זייער ארבעט, אז

זיי און זייערע קינדער זאָלן בעסער און שענער לעבן. אויך דאָ האָט ער זיך אויסגעלערנט זינגען נייע לידער.

און איינמאָל האָט ער אונדז דערציילט, אַז אין זיין אַלטן לאַנד, רוסלאַנד, האָבן די אַרבעטער טאַקע אַרונטערגעוואָרפן דעם שלעכטן צאַר, דעם קעניג. און די מענטשן פון יענעם לאַנד זיינען געוואָרן פריי. און די אידן פון זיין שטאָט אומאַן זיינען געוואָרן פריי. ער איז געווען דעמאָלט אַזוי פריילעך און לעבעדיק. און די אַרבעטער־פירער פון יענעם לאַנד האָבן איינגעפירט, אַז יעדעם פאָלק, וואָס וואוינט אויף זיין ערד, קען רעדן אויף דער אייגענער שפּראַך פריי, און קען אַרבעטן און זיך לערנען פריי, און קען זינגען זיינע אייגענע לידער.

נאָר די אידן, וואָס האָבן געלעבט אַמערגסטן אין די אַלטע שלעכטע צייטן, האָבן קיין אייגענע ערד ניט געהאַט. האָבן די אַרבעטער־פירער פון יענעם לאַנד, וואָס רופט זיך סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויסגע־זוכט אַ גרויס שטיק ליידיק לאַנד, וואָס ליגט צווישן צוויי גרויסע טייכן, בירא און בידזשאַן, און עס אוועקגעגעבן אַ מאַטאָנע די אידן.

און אָרעמע אידן, אַרבעטער אידן, פון אומאַן און אַנדערע שטעט זיינען אַוועק אין יענעם לאַנד אַריין און אָנגעהויבן בויען אַ אידיש לעבן.

און דער טאַטע פייוול האָט זיך געגעבן זיין ערן־וואָרט, אַז ער וועט טאָן אַלצדינג, וואָס ער קען

און ווי שווער עס זאָל ניט זיין, צו העלפן בויען דאָס אידישע לאַנד ביראָ-בידזשאַן.

און נאָך דער שווערער ארבעט אין שאַפּ פלעגט ער אַרומגיין אין הייזער, פלעגט גיין צו פריינט, צו אַרבעטער, צו באַקאַנטע. ער פלעגט זיי דערציילן, אַז סע בויט זיך אַ אידיש לאַנד, ביראָ-בידזשאַן, אַז אַלע אידן דאַרפן העלפן. ער האָט געזאַמלט זייער אַ סאַך געלט, נוצלעכע זאַכן פאַרן אידישן לאַנד. ער אַליין האָט אַוועקגעגעבן יעדן איבעריקן דאָלער, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ער האָט פאַרשפּרייט ביכער און זשורנאַלן וועגן ביראָ-בידזשאַן.

און איינמאָל איז ער געקומען אַהיים מיט גאָר אַ גרויסער פרייד: „קינדער, איך האָב אַ ניי ליד. דאָס ליד האָט אָנגעשריבן אונדזערער אַ לערער פון די אַרדן-שולן, אַ פּראָלעטפּען-שרייבער מיטן נאָמען בעצאַלעל פרידמאַן. און די מוזיק האָט אָנגעשריבן אונדזערער אַן אַרדן-שולן דיריגענט בען יאָמען. הערט, קינדער, און זינגט מיט מיר:

יאַג־ן זיך צוויי טייַ־ע־כן,
ביראָ און ביי־י־דזשאַן.
צווישן ביי־דע טיי־ע־כן,
אַ פריי־לעך לאַנד פאַ־ראַ־נ־נ־ן.
האָלץ באַזאַר־גן וועָ־על־דער,
טיי־כן גיבן פיש.
פעלדער ברויט דער־לאַ־אַנ־גען

צו דעם נייעם טיש.
דורך געדיכטע וועלדער
יאגט מיט פרייד א באן,
נייע אידן קומען
אין לאנד בירא-בידושאן.
זון איז פרישע פעלדער,
שטראל איז נייעם דאך,
ס'האבן אזוי אידן
קיינמאל נישט געלאכט.
הערן צו די ביימער,
הערט זיך צו די ערד:
אוי, אזא געלעכטער
נאך קיינמאל נישט געהערט! . . .
זאל געזונט איז ערד זיין
יעדער נייער שפאן.
ס'זינגט די פרייע אַרבעט
אין בירא בידושאנגען.

און מער האט ער דאס ליד נישט ארויסגעלאזט פון זיין מויל. אומעטום, איז יעדן שריט און טריט האט ער געזונגען און זיך אונטערגעברומט דאס ליד. און שפעט בא דער ארבעט האט ער אריינגע-זונגען דאס ליד אין דער מאשין, ביי יעדער פאר הויזן וואס ער האט געניט. בא די פארזאמלונגען און סימכעס פון זיינע פריינט פון פאלקס-ארדן, פון דער ארבעטער-פארטיי, פון די קינדער-שולן,

פון „איקאָר" האָט ער געווונען דאָס ליד. אומע־טום, אומעטום.

נאָך איינמאָל איז ער געוואָרן קראַנק. קיין אינ־געלע איז ער שוין מער ניט געווען. א לעבן־לאַנג האָט ער געאַרבעט שווער. און קיינמאָל האָט ער ניט גערוט. ער האָט ניט אָפּגעהיט זיין געזונט. ער האָט נאָר געוואָלט העלפן יענעם, העלפן א צווייטן, העלפן די אייגענע קינדער, העלפן די אידן אין ביראָ־בידזשאַן. העלפן די אָרעמע, אַר־בעטער מענטשן פון דער וועלט. האָט ער זיך איבערגעאַרבעט, איז ער געוואָרן קראַנק. 55 יאָר איז ער שוין אַלט געווען. אַן אָפּעראַציע האָט מען אים געמאַכט. און די דאָקטוירים האָבן אים גע־זאָגט, אַז ער זאָל זיך אָפּהיטן, אויב ער וויל לעבן.

נאָר זיידע פייזל האָט באַלד פאַרגעסן, וואָס די דאָקטוירים האָבן אים אָנגעזאָגט. אַזוי שנעל ווי ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער ווידער אָנגע־הויבן אַרבעטן שווער. ער האָט געזאָגט: „קינדער, ווי קען איך זיין רואיק? — היטלער און די פאַ־שיסטן האָבן פאַרפירט א גרויסע מלחמה אויף דער וועלט. מיליאָנען אידן זיינען אויסגעהאַרגעט געוואָרן. עס זיינען געבליבן א סך יתומים. דאָס זיכערסטע ווינקל פאַר אידן אויף דער וועלט איז ביראָ־בידזשאַן. מע דאַרף דאָרטן באַזעצן און דערציען די פאַרבליבענע קינדער אין א שיינער וועלט!"

און אין דער אַרבעט האָט ער זיך פאַרגעסן, אַז ער איז קראַנק. און אַ טאָג איז געקומען און זיין האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס גרויסע, שיינע, מענטשלעכע האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

און אויף די ליפּן איז אים געבליבן הענגען יענער גרויסער שמייכל, יענע גרויסע פרייד, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, ווען ער האָט געזונגען דאָס ליד פון בירא-בידזשאַן.

פריינט זיינען זיך געקומען געזעגענען מיט אים, פריינט פון שאַפּ און פון די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס. מע האָט געהאַלטן רעדעס. מע האָט דערציילט פון זיין גוטסקייט, פון זיין איבערגעבנקייט צו זיין פאָלק, צו זיין קלאַס — מע האָט דערציילט פון זיין ברייטן האַרץ. מע האָט דערציילט פון זיין לעבן, אַ לעבן פון אָרעמקייט, פון שווערער אַרבעט, נאָר פול מיט געזאַנג און ליבע. — — —

און דער ווידער פייוול, קינד מיינס, איז היינט אויסגעפאָרן אויף אַ לאַנגער, לאַנגער רייזע . . .

נאָר פון דאַנען, פון די גאַסן אין ניו־יאָרק, ביז די גאַסן פון אומאַן, ביז די גאַסן אין די שטעט און דערפער פון בירא-בידזשאַן וועט מען געדענקען דעם נאָמען פון אַ פּאַשעטן שניידער מיט אַ זינגענדיקן האַרץ מיטן נאָמען פייוול.

און יעדעס מאָל, ווען מיר וועלן זיך דערמאַנען אָן ווידען, וועלן מיר זינגען: „יאַ־גן זיך צווי טיי־עבן, בירא און בי־דזשאַן!" . . .

אידישע קינדער אין ביראָ־בידזשאַן

די דערציילונג איז טיילווייז באַזירט אויף מאַ־טעריאַל, וואָס אַוראָם לערנער פון פילאַדעלפיע האָט פאַרצייכנט און צוגעשיקט.

און דער טאַטע וועט נאָכאַמאָל געבוירן ווערן! . . .

געדענקט די בעסאַראַבער לאַנדסלייט.

טאַ־טאַ־טאַ, טאַ־טאַ־טאַ, טאַ־טאַ־טאַ, וואַ־ר־ר־ר, לויפט און גאַלאָפּירט אַ סאָוועטישע באַן. זי שניידט דורך בעסאַראַבישע שטעטלעך און דערפער. זי יאָגט איבער די ברייטע אוקראַאינישע פעלדער. זי קלאַפּט און טאַראַטאַקעט מיט די רעדער איבער די רעלסן. זי וואָיעט־און פייפט און וואָרנט און פליט: מאַכט אַ וועג, מאַכט אַ וועג! איך בין אַ באַשעדיגע סאָוועטישע באַן! איך טראָג זיך אין אַ אידיש לאַנד אַריין! איך פיר קינדער קיין ביראָ־בידזשאַן! טאַ־טאַ־טאַ, טאַ־טאַ־טאַ! טאַ־טאַ־טאַ! וואַ־ר־ר־ר, וואַ־ר־ר!

די באַן זעט אויפן וועג באַרעיע דערפער, שטעטלעך און שטעט. דאָס זיינען סימאָנים פון דער דייטשער פאַשיסטישער אַרמיי. די באַן זעט ביי־בריגאַדעס איבער אַלע וועגן. דאָס זיינען סימאָנים פון סאָוועטישן בירגער. מען רייניקט, מען פאַרריכט, מען בויט דאָס אַרבעטער לאַנד.

***

אין באַן געפינט זיך אַ פאַרטיקע האַלבע אין גאַנצע יעסוימים. זיי פאָרן אין אַ נייער שטענדי־

קער הים. זיי פארן קיין בירא-בידזשאן. אינגעלעך און מיידלעך פון פארשיידענעם עלטער. ווייערע טאטעס און מאמעס זיינען געפאלן אין די שלאכטן קעגן דעם סינע. טאטעס און מאמעס האבן געקעמפט אין די פארטיזאנישע אטריאדן. טאטעס און מאמעס זיינען פארפייניקט געווארן פון היטלערישן דייטש, פון היטלערישן הומענער. האבן סאוועטישע רויט-ארמייער, סאוועטישע מענטשן איפגעזוכט אידישע קינדערלעך. מ'האט זיי געפונען אין וועלדער, אויף פעלדער, ביי גוטע מענטשן באהאלטענע.

מיט דער גרופע קינדער פארט מאשע די לערערין. די גוטע מאשע מיט די שווארצע אויגן. די לערערין, וואס איז מיטאמאל געווארן א מאמע פון איבער פערציק קינדער. די לערערין מאשע, וואס קען זינגען אלע שיינע אידישע לידער און קען דערציילן אלע שיינע אידישע מייסעס. און די לערערין מאשע ווייסט שוין און געדענקט אויף אויסנווייניק די לעבנס-געשיכטעס פון אלע קינדערלעך. און זי האט דאך פאר יעדן אזא קלוג און וואַרעם ווארט, וואס קומט אריין אין די יונגע הערצעלעך פון די קינדער. און עס ווערט זיי אזוי גוט. זיי דערפילן זיך אזוי נאענט און היימיש צו דער לערערין מאשע. זיי ווייסן, די קינדערלעך, אז די לערערין מאשע האט אויף יעדער פראגע אן ענטפער. זי ווייסט אלעס און פארשטייט אלעס.

אַז מ׳איז מיט דער לערערין מאַשע, האָט מען שוין פאַר קיינעם קיין מורע נישט. די אויגן הייבן אָן ביי זיי צו פינקלען. די ליפּעלעך הייבן אָן צו שמייכלען. די הערצלעך הייבן אָן פריידיק צו קלאַפּן. אַזוי פיל פרייד און פאַרגעניגן וואַרט דאָרטן אויף זיי.

***

און צווישן די קינדער געפינט זיך אַ מיידעלע, וואָס איר נאָמען איז אויך מאַשע. די ערשטע פאַר טעג איז מאַשע געווען זייער פאַרטראַכט. זי האָט זיך געהאַלטן פונדערווייטנס פון דער לערערין מאַשע. דאָס איז נאָך געווען אין דער „צייטווייליקער היים פאַר פּאָדאָליער־בעסאַראַביער קינדער". אין דער היים אַריין האָט מאַשען געבראַכט איר אייגענע בלאַסע מאַמע. די מאַמע האָט געוויינט פאַר דער לערערין מאַשע. און די לערערין מאַשע האָט פאַרשריבן און פאַרשריבן.

און אַז מאַשעס מאַמע האָט זיך געזעגנט מיט איר מיידעלע, האָט מאַשעלע געוויינט און די מאַמע האָט געוויינט. ערשט שפּעטער האָט די לערערין מאַשע אַרומגענומען דאָס מיידעלע מאַשע און צו איר גערעדט: „די ווילסט האָבן אַ געזונטע מאַמע, אַ שטאַרקע און אַ שיינע מאַמע. אונדזער לאַנד שיקט אַוועק אַלע קראַנקע טאַטעס און מאַמעס אין סאַניטאָריומס. מען וועט זיי דאָרטן אויסהיילן פון אַלע קראַנקהייטן און זיי נאָכאַמאָל שטעלן אויף

וויכטיקע ארבעטן. דיין מאמע איז א גרויסע העל־
דין. זי האט זיך אין דיך געראטעוועט פון טויט.
זי האט געהאלפן דעם לאנד. דו ווילסט איך זיין
אזא העלדין ווי דיין מאמע, עמעס? — איז צום
ערשטן, געדענק, העלדן וויינען נישט!..." און
מער האט מאשעלע נישט געוויינט.

נאר זי פלעגט זיצן ביים פענצטער פון „הויז"
און ארויסקוקן מיט בענקענדיקע אויגן. זי האט
זיך נישט געוואלט שפילן מיט די קינדער. זי האט
געטראכט און געטראכט. זי האט נישט געוואלט
זאגן דער לערערין מאשע פון וואס זי האט גע־
טראכט. נאר די לערערין מאשע האט שוין אליין
געוואוסט, פון וואס דאס מיידעלע מאשע האט
געטראכט. פון איר פאפא האט זי געטראכט. זי
ווייסט, אז איר טאטע איז דערמארדעט געווארן
פון די דייטשע מערדער. ער איז דאך געווען אזא
גוטער פאפא, אזא שיינער פאפא, אזא וואוילער
פאפא.

*
* *

„שאלעמקע דער העלד" האט ער געהייסן און
שטעטל איפן בעסאראבייער ברעג פון דניעסטער.
אויף דער בעסאראבייער ערד איז ער געבוירן גע־
ווארן אין יאר 1909. נאך אלס קינד האט ער שוין
פיל געליטן. שאלעמקעס מאמע האט געארבעט
שווער און שנעל, האט זי זיך צעשניטן א האנט
און פארגיפטעט איר בלוט. די גאנצע הארעוואניע

פון דער פאמיליע איז אוועק אויף היילן מאשעלעס באבען. און ניט גוט איז געווען שאלעמקען אין לעבן, אז זיין מאמע איז געווען קראנק. נאר אז די מאמע האט זיך אביסל אויסגעהיילט, האט זי ווידער געארבעט שווער. זי האט געשיקט איר אינגל זיך לערנען אין א חדר און אין א גימנאזיע. זי האט אים געשיקט זיך לערנען שפילן אויף א טרומפייט און א פידל.

נאר ווען שאלעמקע איז נאר אלט געווארן 14 יאר, קוימאט נאך א קינד, האט ער מיטאמאל אנגעהויבן פארשטיין ווי א גרויסער. וואס הייסט עס, ער זאל זיך לערנען און די קראנקע מאמע זאל ארבעטן? — האט ער פארלאזט די גימנאזיע און אוועק ארבעטן אין א דרוקעריי. די דרוקעריי איז געווארן פאר אים אן אוניווערזיטעט. ער האט זיך דארטן אזוי פיל געלערנט און געלייענט. יעדער אס, וואס ער האט געזעצט, האט אים עפעס געלערנט, דערציילט. און די עלטערע ארבעטער־דרוקער האבן אים זייער ליב באקומען. איז ער אזוי יונג געווארן אן ארבעטער־דרוקער, א כאווער מיט אלע ארבעטער.

אין יענער צייט האבן די ארבעטער פון בעסאראביער שטעטל געגרינדעט א „קולטור־ליג”. די „קולטור־ליג” האט דורכגעפירט לעקציעס, מיטינגען, וועטשערינקעס, ספעקטאקלען און טענץ. מען האט אנגעפירט קלאסן פאר דערוואקסענע. שא־

לעמקע ווערט אַקטיוו אין דער „קולטור־ליג". ער טראָגט צו זיין טייל אַרבעט דורך שפּילן פידל, דורך לערנען מיט דערוואַקסענע. ער אַרבעט שטיל, געלאַסן און זייער געטריי. ער וואַקסט אַזוי שנעל, כאָטש ער איז נאָך אַזוי יונג.

ביז . . . ביז ס'האָט געטראָפן אין אַ נאַכט: ס'אַ רויִקע פאַרזאַמלונג פון דער „קולטור־ליג". מען רעדט וועגן פאַרשענערן דאָס לעבן פון אידישן אַרבעטער דורך לערנען, דורך טעאַטער און ליטעראַטור . . . עס עפנט זיך די טיר און די רומענישע „סיגוראַנצע" אין פּאָליציאַנטן באַווייזן זיך. מען צעטרייבט די פאַרזאַמלטע און איניקע אַרעסטירט מען. דער איינציקער, וואָס האָט זיך געשטעלט און פּראָטעסטירט, איז געווען שאָלעמקע. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און אויסגערופן: „מיט וואָס פאַר אַ רעכט צעטרייבט איר אַ פאַרזאַמלונג פון אַ לעגאַלער אָרגאַניזאַציע אין רומעניע? מיט וואָס פאַר אַ רעכט אַרעסטירט איר די מיטגלידער? — האָט איר אַ מאַנדאַט (וואַראַנט) פאַר דעם?"

נאָר אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט די רומענישע „סיגוראַנצע" שאָלעמקען אויסגעהאַקט אַ פּאָר ציין און אונטערגעשלאָגן די זייטן. ער ווערט אַרעסטירט צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע באַוויירים. זיצט אין טורמע דריי מאָנאַטן.

די קראַנקע מאַמע טראָגט עסן איר שאָלעמקען אין טורמע. איר זון איז שוין אַזאַ גרויסער, דער־

וואַקסענער העלד. ער איז שוין באַלד אַלט גאַנצע אַכצן יאָר. און אַז שאָלעמקע ווערט באַפרייט, האָבן שוין באַלעבאַטים פאַר אים מוירע, מען גיט אים קיין אַרבעט ניט אין זיין בעסאַראַביער שטעטל. ער הייבט אָן צו וואַנדערן איבער שטעט און שטעט־לעך פון רומעניע: ביקאַרעסט, גאַלאַץ, יאַסי. ער אַרבעט אומעטום צו ביסלעך, ביז מען דערקענט זיין רעוואָלוציאָנערע נאַטור. מען געפינט ביי אים אומלעגאַלע ליטעראַטור. אַרעסט, און עטאַפּ. וואו גענעכטיקט, ניט געטאָגט.

און אָט ווערט שאָלעמקע 20 יאָר. די רומענישע רעגירונג נעמט אים גראָד אָן פאַר אַ סאָלדאַט. אַרום 3 יאָר לערנט ער זיך אין רומענישע קאַזאַר־מעס. די עלטערן זיינע שטאַרבן. שאָלעמקע בלייבט אַליין, אַ דערוואַקסענער, נאָר אַ יאַטעם. ער באַ־גענט זיך מיט אַ מיידל, וואָס איז אויך אַן אַרבע־טערין. זיי האָבן כאַסענע. ביידע אַרבעטן. און אָט איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע מאַשעלע. פאַפאַ און מאַמע האָבן זיך געפריים. מאַמע האָט געזונגען לידעלעך און אויסגענייט שיינע קליידעלעך, זעקעלעך, העמדעלעך, לענטע־לעך. פאַפאַ האָט געשפּילט אויפן פידל און דער־ציילט שיינע מייסעס. און מאַשעלען איז געווען אַזוי גוט אויף דער וועלט.

נאָר איינמאָל, מאַשעלע געדענקט עס שוין, ס'איז געווען דעמאָלט אַ שרעקלעכע רעגנדיקע

נאַכט. מען האָט אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן אין דער טיר. עס זיינען אַריין רומענישע פּאָליציאַנטן אין הויז. מען האָט אַלע שאַפעס, שופלאָדן און קאַסטנס צעוואָרפן. מען האָט צוגענומען פיל זאַכן און ווידער פּאַפּאַן אַרעסטירט. די מאַמע פלעגט זינגען בענקנדיקע לידער פאַר מאַשעלען. פּאַפּאַן האָט מען אַלעמאָל אָפּגעלאָזן און אַרעסטירט, אָפּ- געלאָזן און אַרעסטירט.

און איינמאָל איז געקומען זייער אַ שיינער טאָג אין זייער בעסאַראַביער שטעטל. דאָס איז געווען אין יאָר 1940. די רויטע אַרמיי האָט דעמאָלט אַריינמאַרשירט אין בעסאַראַביע. דער טאַטע און די מאַמע זיינען געווען דעמאָלט אַזוי פריילעך. און אַלע ייִדן אין שטעטל זיינען געווען פריילעך. מאַ- שעלע איז שוין געווען אַ גרויסע, אַריבער זעקס יאָר אַלט. זי געדענקט ווי זי פלעגט גיין מיטן טאַטן און דער מאַמען אויף מיטינגען. דער טאַטע פלעגט זיך אויפשטעלן רעדן פאַר אַ סך מענטשן. אַלע האָבן ליב געהאַט צו הערן, ווי ער רעדט. מען האָט געפּאַטשט בראַוואָ. מען האָט אים גערופן „שלאָימקע דער העלד". ער ווערט דערוויילט אין שטאָטישן סאָוועט. ער ווערט סעקרעטאַר פון אַר- בעטער פאַראיין. ער אַרבעט אין אַ צייטונג. די מאַמע איז פּרעזידענטין אין מאָפּר-הילף-קאָמיטעט. און מאַשעלע מיט אירע עלטערן האָבן געלעבט פריי און גליקלעך.

אָבער בלויז איין יאָר.

היטלער שיקט זיינע באַנדיטישע אַרמייען אויפֿן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. די גרויסע מילכאָמע הייבט זיך אָן. מאַשעלע מיט איר מאַמען הייבן אָן וואַנדערן־איבער־שטעט און דערפֿער פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דער פאַפאַ בלייבט אַרבעטן אין דער דרוקעריי אין בעסאַראַביע. באַדאַשים און טעג און יאָרן פֿון שוידערלעכער מילכאָמע. פֿאַר מאַשעלען איז דאָס געווען עפּעס טויזנט יאָר. מאַשעלע הייסט שוין מאַשע. אָט ווערט זי צען יאָר. די מילכאָמע איז פֿאַרענדיקט. די רויטע אַרמיי האָט פֿאַרטריבן די דייטשע באַנדיטן. אָבער וואו איז פאַפאַ?

ווען מאַשע מיט איר מאַמען האָבן זיך אומגעקערט אין בעסאַראַביער שטעטל, האָט מען דערציילט, אַז „שאַלעמקע דער העלד" איז געשטאָרבן מיט אַ העלדישן טויט. ס'האָבן די נאַציס און די נאַצישע רומענער געצוואונגען די דרוקער צו דרוקן אַ מעלדונג, אַז אַלע אידן זאָלן זיך פֿאַרזאַמלען אויף איין פּלאַץ. פֿון דאָרטן וועט מען זיי פֿאַרפֿירן אין אַ געטאָ. שאַלעמקע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן אַזאַ מעלדונג. מען האָט אים געשלאָגן און געדראָט מיט ביקסן. נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. דאַן האָבן די נאַציס אים געבונדן די הענט. זיי האָבן אויף אים אָנגעקלעפּט די מעלדונגען וועגן אַ געטאָ פֿאַר אידן און אים געפֿירט איבערן שטעטל.

נאָר שאָלעמקע האָט זיך ניט געשראָקן. ער
האָט ביזן לעצטן אָטעם־צוג געשריגן: „אידן, לאָזט
זיך ניט פאַרשפּאַרן אין קיין געטאָס. גיט אַ ווי־
דערשטאַנד. שלאָגט זיך קעגן דעם כוינע פאַרן
קאַווּעד אין פאַר דער קולטור אין פאַר דער פריי־
הייט פון אונדזער פאָלק און פאַר אַלע פעלקער!"

***

אין די לערערין מאַשע איז צוגעקומען צום פאַר־
טראַכטן מיידל מאַשע. זי האָט איר אַרומגענומען,
ווי אַ מאַמע איר טאָכטער, און זי צוגעדריקט צו
זיך: „ביסט נאָך אַזוי יונג, טאָכטער מאַשע, און די
ביסט שוין אַזוי קלוג, אַזוי דערפאַרן, אַזוי דער־
וואַקסן. איך וויל מיט דיר רעדן, ווי מען רעדט
צו אַ שוועסטער, אַ העלדישער, אַ בראַווער שוועס־
טער . . . העלדן שטאַרבן קיינמאָל ניט . . . דיין
טאַטע איז ניט געשטאָרבן . . . ער לעבט און ער
וועט לעבן אייביק מיט אַלע העלדן פון דער גע־
שיכטע . . . זיין וואָרט און זיין טאַט שוועבט אַרום
איבער דער וועלט, אין אַלע טיילן ערד. זיין וואָרט
און זיין טאַט ווערט ערגעץ פאַרצייכנט אין דער
ליטעראַטור. זיין וואָרט און זיין טאַט וועט איבער־
גיין פון דור צו דור . . . דו ביסט יונג, אָבער דו
פאַרשטייסט, אַז דו וועסט אויסוואַקסן, ווערן רייף,
כאַסענע האָבן און האָבן קינדער. און עס קאָן דאָך
זיין, אַז דיינער אַ זון וועט אויפקומען אין דער
געשטאַלט פון דיין טאַטן, דעם העלדישן, ערלעכן

שאָלעמקען . . . דאַרפסטו זיין בראַוו, געזונט,
פרייליך, געלערנט. און אַז דו וועסט שטאַרק ליב
האָבן דאָס לעבן, דיין לעבן, וועסטו אַ גרעסערן
העלד פון דיר אַרויסגעבן . . .״

און מאַשעלע האָט ברייט צעעפנט אירע איגן.
און אין זיי האָט מען דערזען אַזאַ נײַ ליכט.

*
**

איצט זיצט מאַשע אין דער באַן מיט אַלע אינג־
לעך און מיידלעך. זי קוקט דורך דעם פענצטער
מיט פריידיקע איגן. זי זעט אַזוי פיל און הערט
אַזוי פיל. עס רעדט צו איר אַ וועלט. יעדער מאַן
און פרוי און קינד, וואָס שטייט ערגעץ אויף די
וועגן און בויט דאָס לאַנד, איז אַ העלד. אַ לאַנד
פון העלדן. און מאַשע וויל אויך זיין אַ העלדין.

און איר דאַכט זיך, אַז די סאָוועטישע באַן לויפט
מיט אַ באַזונדערן אימפעט. זי הערט די שפּראַך
פון דעם צוג: טאַ־טאַ־טאַ, טאַ־טאַ־טאַ, טאַ־טאַ־טאַ,
וואַ־וו, וואַ־וו. מאַכט אַ וואָרע, מאַכט אַ וואָרע!
איך בין אַ באַשעריע סאָוועטישע באַן. איך טראָג
זיך אין אַ אידיש לאַנד אַריין! איך פיר קינדער
קיין בירא־בידזשאַן!

און באַהאַלטן ערגעץ טיף אין מאַשעס האַרצן
ליגן אַזעלכע וואַרעמע ווערטער: „ליוף שנעלער.
אַ העלדין וויל איך זיין . . . אַ גרייסע וויל איך
שנעלער זיין . . . און דער טאַטע וועט נאָכאַמאָל
געבוירן ווערן!...



איידע.

איידע איז פערצן יאָר אַלט. זי לערנט אין צווייטן קלאַס פון דער מיטלשול. זי פאַרענדיקט היי־סקול. זי שפּילט אַף עטלעכע אינסטרומענטן, נאָר קיין נײַ־עם מאַנטל האָט זי ניט.

דער טאַטע אירער איז אַ פּעדלער. פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט גייט ער נאָך זיין אָפּגעריבן פערדל און קרעכצנדיקן וואָגן און שרייט אַף אַלע זיינע קוילעס:

— עפּל, עפּל!

קען מען אים שוין אַף אַלע גאַסן און געסעלעך.

נאָר ווען ער וואָלט פאַרקויפט אַפילע אַ האַלבן וואָגן עפּל אַ טאָג, וואָלט איידע אַלץ קיין נייעם מאַנטל ניט געהאַט, ווייל אין זייערע צוויי צימערן דרייען זיך אַרום נאָך דריי שוועסטערלעך און צוויי ברידערלעך.

איידע איז זייער אַ שטילע. ווען זי קומט אין קלאַס זעצט זי זיך אַוועק ערנסט, אַנגעלאָדן מיט בלייפעדערס און העפטן, גרייט צו פאַרצייכענען די רייד פון אירע פּראָלעטאַרישע לערער. זיי האָבן איר דערקלערט פאַרוואָס זי האָט ניט קיין נייען מאַנטל און פאַרוואָס איר גאַנצע פאַמיליע לעבט אַזוי אַף צאָרעס. און איידע ווייסט שוין, אַז קומען וועט אַ צייט, ווען אַלע וועלן האָבן נייע מאַנטלען.

איידע איז גראָדע אַביסל פעטלעך, קיילעכדיק, מיט רויטע שמייכלענדיקע באַקן. פון וואָס איידע איז פעט, ווייסט זי ניט און קיינער ווייסט נים. זי־כער ניט פון די קעסט, וואָס זי קריגט בא אידע על־טערן.

זי האָט זייער ליב צו לייענען און צו הערן מייסעס. עטלעכע מאָל אַ וואָך, ספּעציעל שאַבעס און זונטיק, זעצט זי זיך אַוועק, רינגלט אַרום זיך די שוועסטערלעך און ברידערלעך, טאַטע און מאַמע, און זי לייענט פאַר זיי מייסעס, מייסעס פון אידישן אַרבעטער לעבן, פון קינדער לעבן אין אַמעריקע און סאָוועטן פאַרבאַנד. אַמאָל לייענט אויך די מאַמע

און אַמאָל דערציילט דער טאַטע.

נאָר פון זינט מען האָט זי אויסגעקליבן פאַר סעק־רעטאַרשע פון דער קינדער סעקציע פון „איקאָר", לייענט זי אַזוי פיל באַגייסטערטע געשיכטעלעך פון די אידישע קאָלאָניעס אין סאָוועטן פאַרבאַנד, פון ביראָ־בידזשאַן, אַז מע קען זי גאָרניט פון זיי אָפּ־רייסן.

און איידע טראַכט אליין אויך אוים מייסעס. זי זאָגט, אַז סע האָט זיך איר געכאָלעמט אַ שטייגער אַזאַ בילד:

— עס איז אַ גרויסער פּאַראַד. רויטע ארמייער שטייען אויסגעשטעלט. ארבעטער, פּויערים און פּי־אָנערן שטייען שטאָלץ. זי שפּאַנט פאַראויס. נאָך איר גייען די קינדער פון דער „איקאָר" סעקציע. אין מיטן דעם גרויסן פּלאַץ שטעלט זי זיך אויף מיט דער גרופּע אַף אַ גרויסער בינע, וואָס איז ספּעציעל אויפגעבויט געוואָרן פאַר דעם פּאַראַד. עס הענגען רויטע פאָנען און פּלאַקאַטן. איין גרויסע שילד לייענט זיך אַזוי:

איקאָר קינדער טוער פון די שולן
באַם
אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס אָרדן
זייט געגריסט!
אונדזער לאַנד, אידישע סאָוועטישע רעפּובליק
ביראָ־בידזשאַן
עפנט די טויערן פאַר אייך!

און רעדנער פון דער רויטער אַרמיי, פויערים און אַרבעטער און קינדער האַלטן באַגריסונגען. אַלע קינדער פון דער „איקאַר" סעקציע שטייען און הערן מיט אָפענע מיילער און גרויסע אויגן און עס קלאַפּן די הערצלעך אַזוי שטאַרק באַ זיי פון פרייד.

און איידע האָט אויפגעהויבן די האַנט צום סאַלו־טירן, ווען די אָרקעסטערס האָבן געשפּילט דעם הימן, האַלט זי אַזוי די האַנט און האָט זי פאַרגעסן אַראָפּצולאָזן...

און ווען איידע כאַפּט זיך אויף, צעפינקלען זיך אירע אויגן. דערציילט זי יעדן איינעם איר כאַלעם.

איז דערפאַר, ווען זי קומט צו דעם מיטינג, עפנט זי אויף איר העפטל, לייגט אויס די רויטע מיטגליד קאַרטלעך און לייענט אַף גיך פאַר זיך נאָכאַמאָל אי־בער:

איקאַר קינדער סעקציע.

און באַם ברעג פון ביכל האָט זי שוין אונטערגע־שריבן מיט טינט:

סעקרעטאַרשע
א י י ד ע.

און זי שרייבט עס אויס אַזוי קלאָר און ריין, אַז אַפילע די קליינע קינדער זאָלן קענען איבערלייענען איר נאָמען. און זי שטעלט זיך אַוועק און האַלט אַ פייערדיקע רעדע:

— באַוויירים, די אידישע אַרבעטער און פויערים פון בירא־בידזשאַן וואַרטן, אַז מיר זאָלן אַרויסשיקן

געצייג, מאַשינען, טראַקטאָרס, זיי זאָלן שנעלער און גרינגער קענען ארבעטן און בויען דאָס לאַנד, און איר, גאַרניט, טוט ניט אריין קיין האַנט אין קאַלטע וואַסער, אינטערעסירט זיך ניט. פאַרגעסט ניט צום קומענדיקן מיטינג ברענגען צו פינעף סענט מיטגליד־אָפצאָל.

קינדער שמייכלען און זאָגן צו צו ברענגען.

אײדע פאַרשפּיליעט איר אלטן מאַנטל, וואָס איז שוין ענג און קורץ און אָפּגעריבן. זי לייגט צענויף אירע פּאַפּירלעך, העפטן און בלייפעדערס, געזעגנט זיך מיט יעדן מיט אַ שמייכל און שפּאַנט אהיים ערנסט און פאַרטראַכט. זי כאַלעמט וועגן נייע מייסעס פון בירא־בידזשאַן און וועגן דעם קומענדיקן טאָג, ווען אלע וועלן האָבן נייע מאַנטלען.

דעטרויט, 1932.

מ׳כאַפּט אַ שווים אין טייך בירא.

בירא-בידזשאַן

אַמאָל, אַמאָל, ווען די מענטשן זיינען נאָך געווען נאַריש. זיי האָבן געפירט צווישן זיך מילכאָמעס. זיי האָבן געמאַכט גרעניצן צווישן איין טייל ערד און דער צווייטער, — האָט זיך געפירט, אַז איינער, אַ קעניג האָט ער זיך גערופן, האָט געהערשט איבער אַ גאַנץ פאָלק. ער פלעגט טראָגן גאָלדענע קליי־דער, וואוינען אין זילבערנע פאַלאַצן, עסן געפרעגל־טע געגנדזלעך און טרינקען די בעסטע וויינען. און די מענטשן האָבן געאַרבעט שווער אין די פאַב־ריקן, אויף די פעלדער. זיי האָבן גענייט קליידער, געבאַקן ברויט. נאָר די קליידער און דאָס ברויט האָבן צוגענומען דעם קעניגס באַדינער און שמיי־סער פאַר זיך און פאַרן קעניג.

עס זיינען געווען פיל קעניגן. יעדער קעניג האָט זיך געהערשט איבער זיין פאָלק אין זיין לאַנד. אַז די הערשער האָבן געוואָלט נאָך גאָלד און זילבער, פלעגן זיי באַפעלן די אַרבעטער אין די פאַבריקן און די פויערים אויף די פעלדער, זיי זאָלן נעמען די ביקסן אין די הענט, אַנפאַלן אויף אַ צווייטן לאַנד, הארגענען יענע מענטשן, צונעמען ביי זיי דאָס פאַר־מעגן און די ערד. פלעגן זיי אַזוי טאָן.

אַ טייל מענטשן האָבן זיך ניט געקאָנט שלאָגן. האָט מען זיי געגומען געפאַנגען. האָבן זיי געאַרבעט שווער פאַרן קעניג און זיינע אַרויסהעלפער. די גע־פאַנגענע פלעגט מען רופן פרעמדע. זיינען אין יעדן

לאַנד געווען פרעמדע מענטשן, פעלקער, וואָס האָבן געשקלאַפט פאַר די הערשער.

אַזוי האָט זיך געפירט יאָרן און יאָרן אַף אונדזער ערד.

איינמאָל איז געקומען אַ מאַן, זייער אַ קלוגער, מיט אַ גרויסן שטערן, צוויי פייערדיקע אויגן און אַ שמייכל אַף די ליפּן, און ער האָט אַזוי געזאָגט:

„ברידער און שוועסטער!

מיר בויען אַלעס אַף דער וועלט; מיר אַרבעטן אויס קליידער, ברויט, הייזער, גאָלד, זילבער; שיך און ביכער, און מיר האָבן גאָרניט. און דער קעניג טוט גאָרניט, הערשט איבער אונדז און נעמט צו אַלעס. לאָמיר אַראָפּוואַרפן דעם הערשער און זיך צעטיילן מיט אונדזער וועלט".

און זיין נאָמען איז געווען לענין.

איז די מענטשן זייער געפעלן געוואָרן לענינס רייד. אָבער לענין איז געווען זייער אַ קלוגער מענטש, האָט ער די ערשטע זיינע פריינט געהייסן קיינעם ניט דערציילן זיינע ווערטער. און ער אַליין איז געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט, צונויפגענומען מענטשן אין די קעלערס, אַף די בוידימער, זיי דערציילט זיינע ווערטער, זיי געהייסן מאַכן אַ שוויג און — געגאַנגען ווייטער.

אַז דער קעניג האָט זיך דערוואוסט פון לענינען, האָט ער אַרויסגעשיקט זיבעצן טויזנט רייטער אין אַלע עקן פון זיין לאַנד, ס'האָט געהייסן רוסלאַנד,

מע זאָל כאַפּן דעם קלוגן מאַן, וואָס רעדט אָן די אַרבעטער און די פּויערים, זיי זאָלן אים מאַכן אויס הערשער.

אָבער לענין פּלעגט זיך איבערטאָן אין פאַרשיי־דענע קליידער. אַמאָל האָט ער זיך געקליידט ווי אַ באָבע, ווי אַ זיידע. אַמאָל — ווי אַ בעטלער, אַ קאַליקע. און מע האָט אים קיינמאָל ניט געפּאַקט.

האָט זיך דעם קעניג פון יענעם לאַנד געוואָלט האָבן נאָך אַ פּאַלאַץ, האָט ער באַוואָפנט זיינע מענטשן און געהייסן מילכאָמע האַלטן מיט אַ צווייטן לאַנד. האָבן די מענטשן גענומען די ביקסן אין די הענט און זיך שוין געוואָלט גיין שלאָגן, איז אָנגעקומען לענין און אויסגעשריען:

„ברידער און שוועסטער!

איצטאָ, ווען איר האַלט די ביקסן אין די הענט, זענט איר זייער שטאַרק, וואַרפט אַראָפּ דעם קעניג מיט זיינע באַדינער און שמייסער און צעטיילט זיך מיטן לאַנד".

האָבן די מענטשן באַלד פאַרשטאַנען, אַז לענין איז גערעכט. האָבן זיי געבונדן דעם קעניג מיט שטאַרקע שטריק און אים אַריינגעוואָרפן אין אַ טיפן גרוב. און פון דאָרטן איז ער שוין קיינמאָל ניט אַרויסגעקומען.

און אַז זיי האָבן זיך גענומען איינטיילן מיט זיי־ער לאַנד, האָבן זיי דערזען, אַז עס זיינען דאָ פאַר־

שיידענע פעלקער מיט פאַרשיידענע שפּראַכן. און דאָס לאַנד איז זייער גרויס און רייך. און מענטשן זיינען דאָ אַ סאַך.

— ווי אַזוי זשע צעטיילט מען זיך? —

איז צום ערשטן געגאַנגען דער לענין און האָט אָנגעשריבן אַזאַ מין בריוו צו אַלע מענטשן פון יענעם לאַנד. און דעם בריוו האָט ער געשריבן אַף אַלע שפּראַכן פון דער גאַנצער וועלט. ערשטנס, זאָלן די אַרבעטער און פּויערים פון אַלע לענדער זיך דערוויסן, אַז זיי האָבן זיך באַפרייט פון קעניג און זיי, אין אַנדערע לענדער, זאָלן זיך אויך באַפרייען. און צווייטנס, זאָלן די באַזונדערע פעלקער פון דעם לאַנד אויסקלייבן די בעסטע מענטשן, די וואָס אַרבעטן שווער און ערלעך, וועלן זיי מאַכן אַזאַ מין איינפירונג, אַז אַלע זאָלן לעבן גלייך און אַרבעטן גלייך.

צווישן די פאַרשיידענע פעלקער איז געווען איין פאָלק, וואָס מע האָט גערופן אידן און זיי האָבן גערעדט אידיש. די אידן זיינען געווען גאַנץ קלוגע מענטשן. דערפאַר פלעגן זיי די קעניגן טרייבן פון לאַנד צו לאַנד. אַזוי האָבן זיי זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן געקענט זייער גוט לערנען. זיי האָבן געשטאַמט פון די ערשטע קלוגע פעלקער אַף אונדזער ערד, נאָר קיין מאַזל האָבן זיי ניט געהאַט. מע פלעגט זיי פייניקן און שלאָגן מער ווי אַנדערע.

ל ע נ י ן

אז מע האט יעדן פאלק ארבעטער און פויערים אויסגעטיילט שטיקער לייריקע לאנד, האט מען די אידן געגעבן א גרויס פעט לאנד, וואס ציט זיך פון טייך צו טייך, פארמאגט א סאך וועלדער און אויצרעס.

און דאס לאנד האט מען גערופן בירא-בידזשאן.

אז אידן האבן דאס דערהערט, האט איינער גענומען א האמער, א צווייטער האט גענומען א סערפ, א דריטער א שער-און-אייזן. מע האט זיך אויפגעזעצט אף פערד און וואגנס און זיך אוועקגעלאזט קיין בירא-בידזשאן.

זיי האבן באלד אוועקגעשיקט בריוו איבער דער גאנצער וועלט. אין יעדן לאנד האבן זיך געפונען אידן, וואס האבן צוגעשיקט מאשינען, געלט און פערד און בעהיימעס.

די אידן האבן צעאקערט דאס לאנד, אויפגעבויט הייזער, געעפנט שולן פאר קליין און גרויס, איינגעפירט שיינע טעאטערס און זאלן צו פארברענגען. קינדער ווערן דערצויגן און געלערנט פון די בעסטע לערער פון ארבעטער פאלק. אלע מענער און פרויען גייען אינדערפרי צו דער ארבעט אף דריי שטונדן. דערנאך קומען זיי אין זייערע הייזער עסן און פארברענגען. פארנאכט גייען זיי ווידער צו דער ארבעט אלע גלייך. אין אוונט גייט מען אין טעאטערס, צו קאנצערטן.

נאר די קינדער מוזן גיין פרי שלאפן. זיי דארפן

אויסוואקסן געזונטע און שטארקע ארבעטער, דארפן זיי רוען געגוג.

און ווען די קינדער ליגן אין די בעטן און ווילן נאך ניט איינשלאפן, זיצן לעבן זיי די לערערס און דערציילן זיי מייסעלעך:

„אמאל, אמאל, ווען די מענטשן זיינען נאך געווען נאריש, האבן זיי געהאט הערשער און פלעגן פירן מילכאמעס. זיך הארגענען איינער מיטן צווייטן, האט מען אונדזערע זיידעס גערופן פרעמדע. מע פלעגט זיי שלאגן, פייניקן און טרייבן פון לאנד צו לאנד.

איז געקומען א מאן, זייער א קלוגער, מיט א גרויסן שטערן, מיט פייערדיקע אויגן און מיט א שמייכל אויף די ליפן, און ער האט באפרייט אלע מענטשן פון אלע קעניגן.

און זיין נאמען איז געווען לענין.

פריער זיינען געווען פארשיידענע קליינע לענדער מיט פארשיידענע שפראכן, מיט גרעניצן. און אז די מענטשן האבן זיך באפרייט פון די קעניגן, האבן זיי א נאמען געגעבן דער גאנצער וועלט:

ל ע נ י נ ע ר ד

און די אידן האבן זיך באזעצט אין טייל בירא־בידזשאן און אויפגעבויט א שיין לאנד, וואו אלע ארבעטן גלייך און לעבן, ווי אף דער גאנצער לענינערד.

נאר די קינדער דארפן שוין צומאכן די אייגעלעך.

קינדער מוזן גיין שלאָפן פרי. זיי דאַרפן רוען א סאַך. זיי זאָלן קענען אויסוואַקסן געזונטע און שטאַרקע אַרבעטער".

אַזוי פאַרענדיקן די לערערס די מייסעלעך. זיי פאַרלעשן די לעמפּעלעך. ווינטשן די קינדער אַ „גו־טע נאַכט" מיט שיינע כאַלוימעס און גייען אַרויס פאַרבערענגען אַף די ווייכע, גלאַטע און ליכטיקע גאַסן פון ביראָ־בידזשאַן.



אויף ביראָ־בידזשאַנער פעלדער

מאַטעלע פון דאָרף „איקאַר״

מאַטעלע האָט געלעבט אין דאָרף „איקאַר״, אין סאָוועטן פאַרבאַנד. ער איז געקומען מיט אַ סאַך קינדער, טאַטעס און מאַמעס פון קליינע שטעטלעך און זיך באַזעצט אין דער קאָלאָניע. זיינע עלטערן זיינען געווען אַמאָל הענדלער. נאָר אַז עס איז געוואָרן די רעוואָלוציע, די אַרבעטער און פּויערים האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט, האָבן זיי איינגעפירט אַזאַ לעבן, אַז אַלע זאָלן אַרבעטן גלייך און לעבן גלייך. אָבער די הענדלער, וואָס אַרבעטן ניט, זיינען געבליבן אָן פּאַרנאָסע. איז זיי געווען זייער שלעכט. זיי האָבן ניט געהאַט קיין שטיקל ברויט צום עסן. און אויך מאַטעלע און זיין טאַטע און מאַמע האָבן ניט געהאַט וואָס צו עסן.

איז איינמאָל אַרויס אַ באַפעל פון כאַווער לעניני נען, וואָס האָט געזאָגט אַזוי: „אַלע מענטשן, וואָס האָבן פריער געהאַנדלט, אָדער זיך אַזוי אַרומגע־דרייט ליידיק און געגעסן דאָס ברויט, וואָס אַרבע־טער האָבן געבאַקן, זאָלן זיך נעמען צו אַרבעט. ווער עס וויל גיין אַרבעטן אין פאַבריק, זאָל גיין אין פאַבריק, און ווער עס וויל גיין אַפן פעלד, זאָל גיין אַרבעטן אַפן פעלד!״

האָבן טאַקע מאַטעלעס טאַטע און די מאַמע אַריינגעפּאַקט אַלע זאַכן און אַוועק אין דעם דאָרף „איקאַר״. וואוינען זיי שוין אין דער קאָלאָניע צוויי יאָר. און זיי איז אַזוי גוט. אַזאַ גרויסער הימל איז דאָרט דאָ, אַזוי פיל ערד, און עס איז ליכטיק, און

אַלע טאָג עסן זיי ברויט, און מאַטעלע שפּילט זיך מיטן קעלבל. דער קאָלעקטיוו פֿון דאָרף האָט אים דערלויבט יעדן טאָג צו פֿירן דאָס קעלבל אויף פּאַשע. איז ווען ער פֿירט דאָס קעלבל, שפּילט ער זיך אין לויפֿערלעך. עס איז אַזוי גוט. מאַטעלע האָט גאָר־נישט קיין זאָרגן. ער לערנט זיך גוט אין שול. ער העלפֿט אַרבעטן אויפֿן פֿעלד. ער העלפֿט אין קינדער קלוב. עס איז אַזוי גוט, אַז ער האַלט אין איין לאַכן.

נאָר איינמאָל האָט ער זיך פֿאַרטראַכט. אַזוי פֿאַרטראַכט, אַז ער איז אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג און נישט געשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט. וואָס איז? — ער וויל זען באַזונדער לענין. ער מוז אים זען. ווען נישט באַזונדער לענין, וואָלט ער דאָך נישט געהאַט אַזאַ גוט קעלבל, וואָלט דאָך אים נישט געווען אַזוי גוט. ער האָט אַ פּאָר מאָל געבעטן די עלטערע באַווייַרים, מע זאָל אים מיטנעמען קיין מאָסקווע, אָבער מע האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון אים.

האָט זיך מאַטעלע געטראַכט: „וואָס האָט ער מוירע און פֿאַר וועמען האָט ער מוירע? — ער וועט גיין צופֿוס“. האָט ער גענומען אַ זעקעלע מיט ברויט און קיכלעך און אוגערקעס און קנאָבל און זיך אַוועקגעלאָזט קיין מאָסקווע. גייט ער אַזוי אַ טאָג און אַ נאַכט. ער לייגט זיך אַביסעלע צו שלאָפֿן אינמיטן וועג אויפֿן גראָז. גייט נאָך אַ האַלבן טאָג און קומט קיין מאָסקווע.

אַזוי ווי ער איז נאָר אָנגעקומען קיין מאָסקווע,

איז אים זייער פריילעך געוואָרן. ער וועט דאָך באַלד זען לענינען. דערווייל קוקט ער אָף די שיינע גאַסן, אָף די גרויסע הייזער און אָף די גרויסע טראַמווייען און אַטאָמאָבילן, וואָס פליען אַזוי שנעל. און ער גייט זיך אַזוי פון גאַס צו גאַס. און יעדן שטעלט ער אָפ און פרעגט:

— כאַווער, וואו וואוינט כאַווער לענין?

קוקט מען אַזוי אָף אים, מע שמייכלט און מע הייבט גיין אַהין, אַהין. גייט ער.

מיטאָמאָל קומט ער אָן אָף אַ גרויסן פלאַץ. דער רויטער פלאַץ. און דאָרטן שטייט אַ גרויס הויז, דער רויטער קרעמל. און דאָרטן, זאָגט מען אים, וואוינט כאַווער לענין. ווערט ער שוין גאָר לעבעדיק. אָט באַלד וועט ער שוין טאַקע זען כאַווער לענינען. אָבער בא דער טיר פון דעם גרויסן הויז שטייען צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן, מיט שטערנדלעך אָף די היטלען און לאָזן אים ניט אַריין.

— וואָס דאַרפסטו דאָ, כאַווערל? — פרעגט אים איין סאָלדאַט.

— איך דאַרף זען כאַווער לענינען! — ענטפערט מאָטעלע שטאָלץ, און וויל זיך לאָזן אַריינגיין.

— אָבער צו וואָס דאַרפסטו זען כאַווער לענינען? — פרעגט אים דער צווייטער סאָלדאַט.

— איך דאַרף מיט אים עפּעס רעדן — זאָגט מאָטעלע.

— וואָס דאַרפסטו מיט אים רעדן? — פרעגט

נאָכאַמאָל דער ערשטער סאָלדאַט.

— זע נאָר, וואָס פרעגט איר מיך אַזוי פיל? עס וואוינט דען דאָ אַ שלעכטער קיניג, אַ צאַר? עס לעבט דאָ כאַווער לענין! — איז שוין מאָטעלע בייז.

— פאַרשטייסט, כאַווער מאָטעלע, — דערקלערט אים שוין דער צווייטער סאָלדאַט מיט אַ שמייכעלע, — כאַווער לענין איז איינער אויף דער גאַנצער וועלט. מיר האָבן ניט נאָך אַזאַ כאַווער. היטן מיר אים זייער אָפּ. עס קענען קומען די בייזע סאָנים און אים וועלן שלעכטס טאָן. דעריבער דאַרפן מיר וויסן וואָס און ווער עס וויל מיט אים רעדן.

— איב אַזוי — האָט שוין מאָטעלע פאַרשטאַנען — זאָגט כאַווער לענינען, אַז אַ אינגעלע, אַ פיאָנער מאָטעלע, פון דער אידישער קאָלאָניע „איקאָר”, וויל אים זען און אים עפּעס דערציילן.

איז דער כאַווער סאָלדאַט באַלד אַרויף און באַלד געקומען צוריק מיט אַ שמייכעלע: „כאַווער לענין האָט געזאָגט, אַז דו קענסט גלייך אַריינגיין”. און מאָטעלע איז אַרויף. בא דער טיר איז שוין געשטאַנען כאַווער לענין און געוואַרט אויף אים מיט אַ שמייכעלע: „קום אַריין, כאַווער מאָטעלע, וואָס ווילסטו עפּעס דערציילן?” און כאַווער לענין האָט אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

מאָטעלען איז מיטאַמאָל אַזוי וואַרעם געוואָרן פון לענינס האַנט און שמייכל, אַז ער האָט גאָר

פאַרגעסן וואָס ער וויל דערציילן. האָט באַזוער לענין עס באַלד פאַרשטאַנען, ווייל באַזוער לענין איז דאָך געווען דער קלוגסטער מענטש אויף דער וועלט. האָט ער אים געהייסן זיך זעצן, האָט אים דערלאַנגט אַן עפּל, אַ גרויסן עפּל, מיט אַ גרויס שטיק ברויט. האָט מאָטעלע דערוויייל גע־געסן און באַזוער לענין האָט דערוויייל געשריבן. איי, האָט שנעל געשריבן באַזוער לענין. מאָטעלע האָט נאָך אויף זיין לעבן ניט געזען אַזאַ מענטשן, וואָס זאָל שרייבן אַזוי שנעל.

— וואָס שרייבסטו אַזוי שנעל, באַזוער לענין? קיינער טרייבט דיך ניט.

— פאַרשטייסטו, מאָטעלע, בײַ אונדז אין לאַנד זיינען דאָ אַזוי פיל מיליאַנען אַרבעטער און קינדער. און אויף דער גאַנצער וועלט זיינען עפּשער דאָ הונ־דערט טויזנט מיליאָן מיליאָנען אַרבעטער און קינ־דער. און אַלע שרייבן בריוועלעך צו מיר. דאַרף איך זיי ענטפערן. מוז איך שרייבן שנעל מיין גאַנץ לעבן.

און דערביי האָט אים באַזוער לענין געוויזן אַזוי פיל בריוו אויפן טיש און אין קאַסטנס און אין שאַ־פעס, מערער וויפל גראָז עס וואַקסן אויף די פעל־דער פון זיין דאָרף.

— זאָג נאָר, מאָטעלע, ביסטו אַ גוטער פיאָנער?

— אַוודאי, איך טו, וואָס דו האָסט געהייסן.

— וואָס טוסטו אַ גאַנצן טאָג? — פֿרעגט באָוועך לענין מיט אַ שמייכעלע.

— אינדערפֿרי גיי איך אין שול. די האָבט געזאָגט, אַז מע דאַרף זיך לערנען. איך העלף אין הויז דער מאַמען. איך העלף אין פֿעלד דעם טאַטן. און איך טו אַלע אַרבעטן, וואָס אונדזער קאָלעקטיוו דאַרף. פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט אַליין, מיט אַלע קינדער פֿון אונדזער דאָרף.

— ווי רופֿט זיך דיין דאָרף?

— אידישער דאָרף „איקאָר". וואָס זשע, די ווייסט גאָר ניט? — די אַליין האָבט דאָך געגעבן אַ באַפֿעל, אַז מיר זאָלן אַריבערפֿאָרן פֿון שטאָט אין דאָרף און אַרבעטן אױף די פֿעלדער!

— ניין, מאַטעלע, איך האָב ניט געגעבן קיין באַפֿעל. איך האָב זיי נאָר געשריבן אַ בריוועלע און געזאָגט, אַז עס איז בעסער פֿאַר מענטשן צו אַרבעטן, האָט מיך דיין טאַטע געפֿאָלגט. בין איך צופֿרידן.

— אַלע קינדער און טאַטעס און מאַמעס זיינען דאָך אַזוי פֿריילעך. זיי דערמאָנען יעדן טאָג דיין נאָמען. און איך האָב באַשלאָסן, אַז איך מוז דיך זען און דיר דערציילן פֿון מיינע עלטערן, פֿון מיין דאָרף און מיין קעלבל.

— האָסט אַ קעלבל אויך? בא בא בא — האָט זיך באַוועך לענין צעלאַכט. — וועסט גיין מאָרגן מיט מיר צום פּאַראַד?

שלימע דאַווידמאַן

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאַראַד ?

— עס וואַקסט אַ נאָך ברייט אַף אונדזערע פעלדער. וועט זיין ברויט פאַר אַלע אַרבעטער און קינדער פון אונדזער לאַנד. ווילן מיר האָבן דערפאַר אַ יאַנטעוו און מאַרשירן איבער די גאַסן מיט רויטע פאָנען.

— אַף אַ פּאַראַד וויל איך זיך שעמען צו גיין.

— פאַרוואָס ? — האָט באָזיער לענין געפרעגט דערשראָקן.

— איך האָב צעריסן מיינע הויזן אַפן וועג. און מיט צעריסענע הויזן איז ניט שיין צו גיין מיט דיר אַף אַ פּאַראַד.

— אַ נו, ווייז !

און באָזיער לענין האָט געדרייט מאַטעלען פון אַלע זייטן און באַטראַכט זיינע הויזן.

— און קיין אַנדערע הויזן האָסטו ניט ?

— ניין, באָזיער לענין, מער האָב איך ניט.

— טו אויס גלייך די הויזן ! — האָט באָזיער לענין באַפוילן.

האָט מאַטעלע אַזוי געטאָן. האָט באָזיער לענין אַריינגערופן באָזיערטע לענין, און איר דערציילט די גאַנצע מייסע, ווער מאַטעלע איז און פון וואַנען ער קומט. האָט זי זיך ווייער דערפרייט און אויסגעבאַפט די הויזן און איז אַנטלאָפן. באָזיער לענין האָט דערווייל דערציילט מאַטעלען מייסעלעך ביז מאַטעלע איז איינגעשלאָפן.

אינדערפרי כאַפּט זיך מאַטעלע אויף. ווען ער זעט ווי באָוער לענין האַלט זײַנע הײזן און שמייכלט. קוקט אזוי מאַטעלע אַף זײַנע הײזן און קען זיי ניט דערקענען. זיי זײַנען אזוי שיין געוואָרן. גלײַך ווי נײַע.

דערנאָך זײַנען זיי געגאַנגען אַפן גרויסן פּאַראַד. אזוי פיל קינדער און עלטערן זײַנען געגאַנגען, אַז מען קען זיי גאָרניט איבערציילן. און אזוי פיל רויטע פאָנען! און לידער האָט מען געזונגען. אוי, איז געווען פריילעך!

נאָכן פּאַראַד האָט באָוער לענין אַוועקגעזעצט מאַטעלען אַף אַ גרויסן וואָגן און האָט געזאָגט דעם פורמאַן: „פיר אים גלײַך אַהיים אין זיין דאָרף „אי־קאָר". ער איז אַ גוטער פּיאָנער".

אַז מאַטעלע איז אַהיימגעקומען, האָבן זיך אַלע קינדער און עלטערן דערפרייט. מע האָט צונויפגערופן אַ גרויסן מיטינג. מאַטעלע האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַפן טיש און ער האָט דערציילט, וואָס ער האָט גערעדט מיט לענינען. ווי אזוי לענין האָט אים געגעבן אַ גרויסן עפּל און אַ שטיק ברויט, און געזען, אַז באָוערטע לענין זאָל אים פאַרריכטן זײַנע הײזן. „און ווייסט איר פאַרוואָס? — האָט מאַטעלע פאַרענדיקט — ווײַל באָוער לענין האָט אינגאַנצן זיין לעבן ליב געהאַט קינדער".

האָבן אַלע קינדער פון דער אידישער קאָלאָניע

אידישע קינדער אין ביראָ־בידזשאַן

„איקאָר" אויפגעהויבן זייערע הענטעלעך און גע־
שוואוירן צו דער רויטער פאָן:
„מיר וועלן גיין אין לענינס וועגן. מיר זיינען
גרייט דורכצופירן לענינס געבאָטן!"

דעטרויט, 1931.

און די קאַץ איז געשטאָרבן
בײַ דער טיר — — —

אין דער אָרדן־שול זיינען איצט פאַרזאַמלט אַ סך קינדער. עס זיינען אויך געקומען אַ צאָל עלטערן און שול־פאַרוואַלטער. ס׳איז אַ שול־סימכע.

שטייט שוין דער לערער ווידער לעבן גרויסן טיש. ער קוקט אַזוי מיט זיינע אויגן אויף אַלעמען, ווי ער וואָלט זיי וועלן זאָגן: „אַז איר ווילט, קינדער, הערן אַ מייסע, מוזט איר זיין זייער שטיל!“ אין האַנט האַלט ער אַ העפט. אויפן העפט איז שוין אויפגעשריבן „אידישע קינדער אין בירא־בידזשאַן“. ער ליינענט ניט, דער לערער, נאָר ער האַלט בלויז דעם העפט, אַז די קינדער און די עלטערן זאָלן זעהן, אַז פון דעם ביכל וועט ער דערציילן אַן עמעס מייסע. . .

—

„איר ווייסט — הייבט אָן דער לערער — אַז די קינדער, די עלטערן און די פריינט פון אָרדן, פון די אָרדן־שולן, זאַמלען איצט אַ מיליאָן דאָלער אין געלט, קליידער און ביכער פאַר אונזערע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט ים. און דער „איקאָר“ און דער „אַמבּידזשאַן“ און אַ סך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס זאַמלען הילף פאַר די, וואָס האָבן געליטן פון דער גרויסער מילכאָמע.

וויל איך אייך איצט דערציילן פון אַ אינגעלע, וואָס איז געבליבן אַ יאָסעם. ס׳איז אַן עמעסע מייסע, וואָס איז פאַרשריבן אין ביכל „אידישע קינדער אין בירא־בידזשאַן“ — — —

און בײַ די װעכטער הײבט ער אױף דאָס ביבל און װײַזט עס פֿאַר אַלעמען.

„ס׳איז געװען אין די טעג װען די היטלער־באַנדיטן האָבן געכאַפּט אידן אין די גאַסן, װי די הינט באַפֿאַלן הינט, און זײ אַרײַנגעװאָרפֿן אין גרױסע װאָגנס און זײ אַװעקגעפֿירט ערגעץ. אין דאָרטן, ערגעץ װײַט פֿון דער שטאָט, האָט מען זײ געהאַרגעט.

דעמאָלט האָבן די פּאַרטיזאַנען פֿון די אוקראַיִנישע װעלדער באַשלאָסן צו ראַטעװען פֿריער פֿאַר אַלעמען די קלײנע קינדער. האָבן צװײ פּאַרטיזאַנען געפֿונען אַ קלײן ײנגעלע אין אַ גאָרטן, זײ האָבן אים גענומען אױף די פּלײצעס און געבראַכט אין װאַלד אַרײַן.

זײ האָבן געהאַלטן דאָס ײנגעלע אַ לאַנגע צײַט אין װאַלד, זײ האָבן אים געגעבן עסן און טרינקען און אים אָפּגעהיט. און װען די צײַט איז געקומען, װען מע האָט שױן די דײַטשן געטריבן פֿון רוסישן לאַנד, האָט מען דאָס ײנגעלע מיט נאָך קינדער און אַלטע לײַט אַװעקגעשיקט קײן מאָסקװע אין אַן עראָפּלאַן.

אין מאָסקװע האָט מען דאָס ײנגעלע געהאַלטן אַ קורצע צײַט און דערנאָך האָט מען אים אַװעקגעשיקט קײן ביראָ־בידזשאַן.

אין ביראָ־בידזשאַן האָט מען דאָס ײנגעלע אַרײַנגענומען אין אַ קינדער־הײם. אין דאָרטן װעט

ער וואָלט געוואָלט אַז ער זאָל לערנען ביז ער וועט אויסוואַקסן און ווערן אַ גרויסער מענטש, וועט קענען אַרבעטן און זיך פאַרדינען אויפן לעבן.

און דאָרטן, אין דער קינדערהיים פון בירא־בי־דזשאַן, איז דאָ אַ לערערין, סאָרע, הייסט זי. זי האָט גרויסע, שוואַרצע מאַמעשע אויגן, און זי האָט זייער ליב די קינדער פון קינדערהיים. און זי פאַר־שרייבט אַלע מייסעלעך, וואָס די קינדער דערציילן.

און אַז דאָס אינגעלע פון אונדזער מייסע איז אָנ־געקומען, האָט זי אים גלייך אויפגענומען מיט אַ שמייכל. זי האָט אים איבערגעטאָן אין נייע קליי־דער, וואָס זיינען אָנגעקומען פון אַמעריקע. זי האָט אים געגעבן עסן און זיך אויסגעוואַרט הערן אים אַביסל רעדן:

„וואָס איז דיין נאָמען, אינגעלע?" האָט זי אים געפרעגט מיט אַ ברייטן שמייכל.

„מיין נאָמען איז **אינגעלע**!" — האָט דאָס אינ־געלע אַ קוק געטאָן אויף איר מיט זיינע שוואַרצע אייגעלעך. ער האָט אָבער באַלד געזען, אַז זי גלייבט אים עפּעס ניט. האָט ער גענומען און דער־ציילט זיין גאַנצע מייסע פון זיין לעבן:

„איך געדענק, אַז מיין מאַמע האָט מיך גערופן מיין **אינגעלע**, דער טאַטע האָט מיך גערופן מיין **אינגעלע**. די שוועסטער האָט מיך אויך גערופן **אינגעלע**, און אַלע מענטשן האָבן מיך גערופן **אינגע־לע**.

באַ אונדז אין הויז איז געווען אַ גרויסע קאַץ. מיר האָבן זייער ליב געהאַט די קאַץ. מיין מאַמע האָט מיר דערציילט, אַז די מאַמע פון דער קאַץ האָט גע־לעבט באַ אונדז אין הויז אַלע אירע יאָרן, ביז זי איז געשטאָרבן. די באָבע פון דער קאַץ האָט אויך געלעבט באַ אונדז אין הויז אַלע אירע יאָרן, ביז זי איז געשטאָרבן. נאָר די קאַץ, די לעצטע גרויסע קאַץ, וואָס איך האָב געקענט, איז געשטאָרבן באַ דער טיר און קיין קעצעלעך ניט איבערגעלאָזט.

אַך, איז דאָס געווען אַ קלוגע קאַץ! זי האָט פאַר־שטאַנען, ווען מע האָט זי צוגערופן מיט אַ מאַך פון אַ פינגער. אַ טייערע קאַץ געווען. איך האָב זייער ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט איר. איז זי געשטאָרבן ביי דער טיר.

ס'איז געווען זייער לאַנג צוריק. די דייטשן זיינען געווען באַ אונדז אין שטאָט. אַ סך אידן זיינען אַנטלאָפן פון שטאָט איידער די דייטשן זיינען געקומען. נאָר מיר האָבן פאַרשפּעטיקט, זיינען מיר געבליבן אין שטאָט.

דערנאָך זיינען ~~די דייטשן~~ געגאַנגען פון הויז צו הויז און געזוכט אידן, ווען זיי זיינען געקומען לעבן אונדזער הויז, האָבן זיי שטאַרק געקלאַפּט אין טיר. מיר האָבן אַלע זייער מורא געהאַט. איך האָב זיך באַהאַלטן אין אַ שאַפע און אַרויס־געקוקט דורך אַ שפּאַלט.

די דייטשן האָבן אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אין

מיר, איז די טיר צעבראָכן געוואָרן און די טיר מיט די דייטשן זיינען אַריינגעפאַלן אין הויז אַריין. בייזע, שלעכטע סאָלדאַטן זיינען זיי געווען. זיי האָבן געטראָגן ביקסן אין די הענט. זיי האָבן גלייך אַ כאַפּ געטאָן מיין מאַמען, מיין טאַטן און מיין שוועסטער און זיי אַרויסגעפירט פון הויז.

איך האָב אָנגעהויבן צו ציטערן אין שאַפע. איך האָב אָנגעהויבן וויינען אין דער שטיל. דער־נאָך האָב איך געהערט ווי די דייטשן שרייען און שלאָגן מיין טאַטן און מיין מאַמען און מיין שוועס־טער. איך בין אַרויס זייער שטיל פון דער שאַפע און זיך צוגעגאַנגען צום פענצטער און געזען ווי איין סאָלדאַט האָט געשלעפּט מיין שוועסטער און די אַנדערע האָבן געשלאָגן מיינע עלטערן. מיי־נע עלטערן האָבן זיך געוועהרט, געשלאָגן צוריק, געבעטן, געשריגן. האָבן די דייטשן זיי דערשאָסן און זיי געלאָזט ליגן טויט. די דייטשן האָבן גע־כאַפּט מיין שוועסטער און זיינען מיט איר אַוועק.

אַז זיי זיינען אַוועק, בין איך אַרויס אין דרויסן. בין צוגעלאָפן צו זיי, זיי געוועקט און געריקט. נאָר איך האָב זיי שוין ניט געקענט אויפוועקן, זיי זיינען געווען געשטאָרבן.

איך האָב דערפילט, אַז אימיצער קיצלט מיך. איך קוק זיך אום, די קאַץ, אונדזער גרויע קאַץ שטייט לעבן מיר. זי רייבט איר קאָפּ אין מיין פּנים. זי קוקט אויף מיין טאַטן, אויף מיין מאַמען.

מיר דאַכט זיך, אַז זי האָט געוויינט. זי האָט גע־מאַרקעט. זי איז־צוגעגאַנגען נאָענט צו מיין מאַ־מעס האַנט און זי געלעקט מיט איר צונג. דער־נאָך איז זי צוגעגאַנגען צום טאַטנס האַנט און זי געלעקט מיט איר צונג. זי האָט עפּעס אַזוי אַ קליין קוק געטאָן אויף מיר. און מיט שטילע טריט איז זי אַוועקגעגאַנגען צו דעם הויז, האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער שוועל, זיך אויסגע־צויגן און געשטאָרבן.

איך האָב זי אָנגעהויבן וויינען, וויינען, נאָר איך האָב זי ניט געקענט אויפֿוועקן, זי איז געשטאָרבן.

איך האָב מורא געהאַט צו בלייבן אַליין אין הויז, בין איך אַוועק און זיך באַהאַלטן אין גאָרטן. דאָרטן האָבן מיך צוויי פּאַרטיזאַנען געפֿונען און אַוועקגעפֿירט אין אַ וואַלד. איך האָב מיט זיי געלעבט אין וואַלד אַ לאַנגע צייט. דערנאָך האָט מען מיך געבראַכט קיין מאָסקווע, און פֿון מאָסק־ווע האָט מען מיך געבראַכט אַהער. און מער גע־דענק איך גאָרנישט. דאָס איז מיין גאַנצע מייסע!"

האָט דאָס אינגעלע מיט די שוואַרצע אייגעלעך פֿאַרענדיקט און געקוקט אויף דער לערערין טאַניע.

די לערערין האָט אַזוי געקוקט אויפֿן אינגעלע מיט ליבשאַפֿט, געוואָלט האָט זי וויינען, נאָר זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט וויינען, וועט דאָס אינגעלע אויך וויינען, האָט זי ניט געוויינט. זי האָט אים אַרומגעכאַפּט און אים געקושט און זי

האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „הער זיך איין, אינ־געלע, מיר רופן דיך דערווייל אינגעלע נומער 18. דו ביסט דער אַכצנטער אין אונדזער קינדער־היים, אין אַלט־אידיש, העברעאיש, מיינט אַכצן חי (כאַי). און חי מיינט אויך לעבן. דו וועסט לעבן און זיין שטאַרק און געזונט און שיין און געלערנט. און פון דיר וועט נאָך עפשער אויסוואַקסן אַ גרויסער אידישער שרייבער, אַ גרויסער פירער, אַ גרויסער וויכטיקער מענטש.

און ווען דו וועסט שוין זיין אַ גרויסער, וועסטו אויפטאָן אַזעלכע גוטע זאַכן פאַר די מענטשן, אַז זיי וועלן מער ניט לאָזן פירן קיין מילכאָמעס. דו און אַזעלכע ווי דו, וועלן בויען אַ שיינע וועלט!"...

און פון דעמאָלט אָן איז אים פאַרבליבן דער נאָ־מען, אַזאַ לאַנגער נאָמען: „דאָס אינגעלע נומער 18 מיט דער מייסע פון דער קאַץ, וואָס איז גע־שטאָרבן בא דער טיר!"...

און ווען די קינדער און עלטערן פון דער אָרדן־שול זיינען זיך צעגאַנגען אַהיים, האָבן זיי ניט־ווילנדיק אַ קוק געטאָן אויף דער שוועל און גע־וואָלט זען צי ליגט ניט דאָרטן די קאַץ, וואָס איז געשטאָרבן בא דער טיר...

אָקטאָבער, 1945, ניו־יאָרק.

אַזוי האָט אַ קו געראַטעוועט אַ אינגעלע

און יעדעם מאָל ווען די לערערין סאָרע און די קינדער פון דער „היים אין בירא־בידזשאַן״ גייען אַרויס אויף אַ שפּאַציר לעבן די פעלדער, דערמאָנט מען זיך אין דער מייסע, וואָס מייערל האָט דערציילט.

מייערל איז פון די געזונטע, פריילעכע אינגלעך. און ער איז אַ לאַנגער מיט אַ שפּיציקער נאָז. און די האָר זיינען בײַ אים אויך רויט. זאָגן טאַקע קינדער, אַז ער קוקט שוין באַלד אויס ווי אַ גרויסער מער. און די קינדער, וואָס קומען פון אוקראַאינע און בעסאַראַביע זאָגן אויף אַ מער, מייער. רופן זיי אים „מייער, דער רויטערמייער!״

נאָר מייערל באַליידיקט זיך ניט. עס אַרט אים גאָר ניט. ווייל די לערערין סאָרע האָט גאָר געזאָגט, אַז מערן זיינען זייער געזונט צום עסן. אַז מע עסט אַ סאַך מערן, האָט מען רויטע באַקן. און פון מערן מאַכט מען דעם בעסטן צימעס. און מערן זיינען זיס.

און נאָך אַ זאַך האָט די לערערין סאָרע דערציילט, זי קען אַ סאַך און זי ווייסט אַ סאַך. זי האָט געזאָגט, אַז אין אַלט־אידיש, העברעאיש, הייסט מאיר (מייער) אַ ליכטיקייט־ברענגער. הייסט דאָך עס, אַז מייערל ברענגט ליכטיקייט! איז ער זייער צופרידן, לאַכט ער זיך און איז שטענדיק פריילעך.

און די לערערין סאָרע רופט אים גאָר: „מייערל,

אונדזער פּאַסטוכל!" פון דעם נאָמען איז ער גאָר, גאָר צופרידן. ערשטנס, האָט ער טאַקע ליב צו זיין אַ פּאַסטוכל. ער האָט זייער ליב שעפעלעך, קעלבעלעך, ציגעלעך, לאַשיקלעך און גרויסע קי. באַזונדערס האָט ער ליב גרויסע ווייסע קי מיט געלע פלעקן. מיר וועלן אייך אַביסעלע שפּעטער אויסזאָגן פאַרוואָס ער האָט זייער ליב גרויסע קי.
און צווייטנס, זאָגט מייערל, געפעלט אים שטאַרק דער נאָמען „מייערל, אונדזער פּאַסטוכל", ווייל די ערשטע אידן אויף דער וועלט זיינען גע-



וועז פּאַסטוכער. אין די מייסעס פון דער ביבל, וואָס די לערערין סאָרע האָט דערציילט, איז פאַר־שריבן, אַז דער ערשטער איד, אַווראַהאַם, איז גע־וועז אַ פּאַסטוך. און זיין זון און זיין אייניקל זיי־נען געוועזן פּאַסטוכער. און זיינע אור־אייניקלעך, יאַקעווס צוועלף זין, זיינען געוועזן פּאַסטוכער. און פון אָט די ערשטע אידן זיינען אַרויסגעקומען אַזוי פיל מיליאָנען אידן איבער דער וועלט.

נו? — נו, וועלן פון „מייערל, אונדזער פּאַס־טוכל" אויך אַרויסקומען מיליאָנען אידן איבער דער וועלט — — — איז אים דערפאַר גוט, מייערלען.

ער איז זיכער, מייערל, אַז זיין טאַטע און זיין מאַמע וועלן אַמאָל קומען קיין ביראָ־בידזשאַן, זיי וועלן אַן עפן טאָן די טיר פון דער „היים", זיי וועלן צולויפן צו אים און אים־אַרומכאַפּן קושן:

„וואָס מאַכסטו, מייערל? — וועלן זיי זאָגן — מיר האָבן דיך געזוכט אויף אַלע בעסאַראַבער פעל־דער, אין אַלע געדיכטע וועלדער, געפרעגט אויף דיר אין אַלע שטעט איבער דער וועלט, — און דיך נים געקענט געפינען. ביסטו גאָר אין ביראָ־בידזשאַן?!"...

ווייל מייערל זאָגט, אַז זיין טאַטע און זיין מאַ־מע זיינען געוועזן אַזוי געזונט און שטאַרק, אַז קיי־נער האָט זיי נים געקענט שלאָגן, נאָר ער ווייסט נים וואוהין זיי זיינען ערגעץ אַהינגעקומען.

ס'איז געוועזן, דערציילט מייערל, אין דער צייט

פון דער גרויסער מילכאָמע. נאָר באַ זיי אין דאָרף האָט מען פון קיין מילכאָמע ניט געוואוסט. ערשטנס, האָבן די קינדער געזאָגט, אַז די מילכאָ־מע קען צו זיי ניט קומען, ווייל ניט ווייט פון דאָרף געפינט זיך דער גרויסער דניעסטער־טייך. דער טייך איז אַזוי טיף, ווי אַ יאַם. און צווייטנס, דער גרויסער באַרג. דער באַרג איז אַזוי הויך, אַז ער פאַרשטעלט דאָס דאָרף. און פרעמדע מענטשן, וואָס ווייסן ניט דעם וועג, וועלן קיינמאָל אין זייער דאָרף אַריין ניט קומען.

נאָר דערנאָך, אַז די מילכאָמע האָט זיך דער־נעענטערט צו זייער דאָרף, האָבן אָנגעהויבן פליען עראָפּלאַנען, און פון די עראָפּלאַנען, ווייזט אויס, האָט מען דערזען מייערלס דאָרף.

איז געווען עפּעס איינמאָל אין אַ טאָג, ער גע־דענקט שוין ניט פּינקטלעך וואָס פאַר אַ טאָג ס׳איז געווען, צי אַ מיטוואָך אָדער אַ דאָנערשטיק, ער, מייערל, און נאָך קינדער פון דאָרף, האָבן גע־טריבן די קי אָף פּאַשע. די קינדער האָבן געטראָגן שטעקלעך און בייטשלעך. מייערלס הונט איז אים נאָכגעגאַנגען און אים געהיט. דער קוס קעלבל איז נאָכגעגאַנגען נאָך איר מאַמען און געמוקעט מיט אַ דין קעלעכל. און די קינדער האָבן דעמאָלט גע־זונגען אַ לידל, וואָס וועלוול דער שרייבער האָט אויסגעטראַכט. דאָס לידל איז געגאַנגען אַזוי, זאָגט מייערל:

אידישע קינדער אין בירא־בידזשאַן

אויפן הויכן באַרג,
אויפן גרינעם גראָז,
שטייען אַ פּאָר דייטשן,
מיט די לאַנגע בייטשן,
קליינע קינדער שלאָגן זיי,
גרויסע מענטשן יאָגן זיי,
זיי ראַבעווען אַ וועלט, —
אַנטלויפט אין פעלד!

און אַזוי ווי די קינדערלעך גייען זיך אַזוי פּריוולעך און זינגען זיך דאָס לידל, און די קי מעקען צו, און די הינט האַווקען צו, הייבט עס אָן פון ערגעץ צו שיסן: טאַ־טאַ־טאַ־טאַ און טראַ־טאַ־טאַ־טאַ. די קינדער און די קי און די הינט האָבן אָנגעהויבן לויפן אין אַלע זייטן פון גרויס שרעק, נאָר מיי־ערלס קו איז געבליבן שטיין, זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און געקוקט אַט אַהער און אַט אַהין. זי האָט געמוקעט אויף הויכע קוילעס. דאָס האָט זי, ווייזט אויס, אין איר שפּראַך גערעדט צום קעלבל, אַז סע. זאָל צוקומען צו איר. איז טאַקע דאָס קעלבל צוגעקומען און זיך באַהאַלטן אונטער דער מאַמעס בויך. אַז מייערל האָט געזען, אַז זיין קו און קעלבל גייען נִיט, לויפן נִיט, האָט ער זיך אויך באַהאַלטן אונטער דער קו און געוואַרט.

פּלוצים האָבן אָנגעהויבן לויפן אידן פון מיי־ערלס דאָרף. אַז זיי האָבן דערזען מייערלען אונ-

טער דער קו, זיינען זיי צו, זיי האבן אים געגעבן
א כאפ, און מיט אים אוועק — — —

אט יענע אידן, וואס האבן א כאפ געטאן מייערלען און מיט אים אנטלאפן אין וואלד אריין, פארטיזאנען האט מען זיי גערופן, האבן אים געזאגט, אז די קו האט געראטעוועט זיין לעבן. ווייל די דייטשן, וואס האבן זיי נאגעיאגט און געשאסן, האבן זיך נאר געצילעוועט אין מענטשן. קי און אנדערע בעהיימעס האבן זיי געלאזט לעבן. האבן זיי זיך דערפאר ניט געצילעוועט אין מייערלען, ווייל ער איז געליגן אונטער דער קו...

א לאנגע צייט איז מייערל געווען מיט די פארטיזאנען אין וואלד, דערנאך האט מען אים געפירט דורך פארוואָרפענע שטעגן און וועגן, ביז זיי זיינען געקומען צו א שטאט. אין דער שטאט האט מען אים אריינגעזעצט אין א באן מיט נאך קינדער, וואס האט זיי געפירט קיין בירא־בידזשאן.

איז אויפן וועג, פארנדיק אף דער באן אזוי לאנג און אזוי ווייט, האט מייערל געזאגט צו די קינדער, אז ער וועט מער אויף זיין לעבן ניט זידלען קיין מענטשן מיט די ווערטער: „ביסט א בעהימע, ביסט א קו!“, ווייל זיין קו האט גאר געהאט א סאך סייכל. מער סייכל פון א מענטשן. ווייל ווען זי האט אויפגעהויבן דעם קאפ און אים געדרייט אהין און אהער און שטארק געמוקעט, האט זי ניט נאר גערופן איר קעלבל צו זיך, נאר

זי האָט אים אויך געהרופן צו זיך, אַז ער זאָל זיך ראַטעווען פון די דייטשן — — —

און ווען די לערערין סאַרע האָט געשריבן אַ בריוו פון די קינדער פון דער „היים אין ביראָ־בידזשאַן" קיין אַמעריקע, האָט זי געשיקט אַ גרוס פון אַלע קינדער. ווייל די לערערין האָט דערציילט, אַז אין אַמעריקע איז דאָ אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע, וואָס הייסט „איקאָר". און איר ווייסט, וואָס זי טוט? — זי זוכט אויס אַזעלכע אידן, וואָס ווילן ווערן טאַטעס און מאַמעס צו קינדער, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע עלטערן אין דער מילכאָמע.

„און וואָס פאַר אַ גרוס זאָל איך פון דיר שרייבן, מייערל, אונדזער פאַסטוכל?" — האָט די לערערין סאַרע געפרעגט.

„ווייסט איר וואָס, טייערע לערערין סאַרע, שרייבט זיי אָן מיין מייסע, וואָס איך האָב אייך דערציילט. בעט זיי, אַז זיי זאָלן דאַרטן אַ זוך טאָן מיין טאַטן מיט מיין מאַמען. עפּשער זיינען זיי אַהין פאַרפאָרן? — און אויב זיי ווילן מיר שיקן אַ מאַטאָנע, זאָלן זיי מיר שיקן אַ קו, אַ ווייסע, מיט געלע פלעקן. ווייל אַ קו האָט געראַטעוועט אַ אינגעלע!" — — —

נאָוועמבער, 1945, ניו־יאָרק.

נאָר דאָס לאָשיקל האָבן זיי געגלעט!...

יאָסעלע האָט טיפע אויגן און גרויע האָר. יאָ־סעלע איז דאָס איינציקע אינגעלע אין דער קינ־דער־היים פון „אידישע קינדער אין בירא־בידזשאַן", וואָס האָט גרויע האָר. און ער איז זייער שרעקעוו־דיק. פאַר יעדער קלייניקייט שרעקט ער זיך. אַז אימיצער גיט אַ הויכן געשריי, ווייל ער גלייך אַנ־הויבן אַנטלויפן. וואוהין וויל ער לויפן? — אין וואַלד אַריין.

שוין עטלעכע מאָל, אַז יאָסעלע ווערט פאַר־לוירן. די לערערין סאָרע נעמט דעמאָלט מיט עט־לעכע גרויסע אינגלעך און מיידלעך מיט זיך. זי לאָזט זיך אַוועק מיט זיי אין וואַלד אַריין. זיי שרייען אויף הויכע קולעס: „יאָסעלע, יאָסעלע, קום אַהיים, יאָסעלע!" נאָר יאָסעלע ענטפערט ניט, ער ליגט ערגעץ אויף אַ בוים. „יאָסעלע, דיין לערערין סאָרע רופט דיך, יאָסעלע!" נאָר יאָסעלע ענטפערט נים. ער ליגט ערגעץ צווישן גראָזן און באַהאַלט זיך.

נאָר סאָרע, די גוטע לערערין, ווייסט שוין דע־מאָלט וואָס צו טאָן: זי נעמט צענויף אַלע קינדער. זי שטעלט זיי אוים אין אַ קרייז. אין מיטן לייגט זי אוים צווייגלעך, שטיקלעך האָלץ און זי מאַכט אַ פייער, און זיי הייבן אָן זינגען אַ ניי פּאַרטי־זאַנער־ליד, וואָס זי, די לערערין סאָרע, האָט טאַקע אַליין אויסגעטראַכט:

„די גוטע פּאַרטיזאַנען,
פון דאָרטן און פון דאַנען,
טוען אויף וואונדער —
זיי ראַטעווען קינדער" — — — —

אַלע קינדער זינגען מיט דער לערערין. זיי טאַנצן אַרום דעם פייער און פּליעסקען מיט די הענט. און דעמאָלט באַווייזט זיך יאַסעלע פון ערגעץ. ער גאַנוועט זיך פון צווישן די ביימער און קומט אַן

מיט אַ שמייכל. ער האָט ליב די פּאַרטיזאַנען. זיי האָבן אים געראַטעוועט פון די דייטשן.

און יאָסעלע זעצט זיך אַוועק, אַלע קינדער און די לערערין אַרום אים, און ער דערציילט די מייסע פון זיין לעבן:

ער איז געבוירן געוואָרן אין קיעוו. אַ גרויסע שטאָט קיעוו. אַ סאַך אידן האָבן דאָרטן געוואוינט. יאָסעלע האָט געלערנט אין אַ אידישער שול. שוין אַ גרויסער געווען. ער האָט שוין באַלד דערמאָלט געדאַרפט ווערן ניין יאָר. און אין יענעם יאָר, זו־מער, 1941, האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. די דייטשן זיינען באַפאַלן דאָס גרויסע סאָוועטישע לאַנד.

אין איין טאָג האָט מען גענומען אַ סאַך קינדער, און יאָסעלען צווישן זיי, און מע האָט זיי אַוועקגע־שיקט אין אַ דאָרף אַריין. מע האָט געמיינט, אַז די דייטשן וועלן אַהין ניט קומען. יאָסעלע האָט געוואוינט בא אוקראַינער מענטשן, דאָרף־מענטשן. יאָסעלען האָט מען אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל ניט דער־מאָנען, אַז ער איז אַ אידיש קינד. אַז מע וועט אים פרעגן זיין נאָמען, זאָל ער זאָגן, אַז ער הייסט טאַראַס.

אין דאָרף אַריין זיינען אָנגעקומען זייער שלעכ־טע נייעסן. מע האָט דערציילט, אַז די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט קיעוו. און אַלע אידן, וואָס זיינען ניט אַנטלאָפן אין צייט, האָבן די

דייטשן אויסגעהאַרגעט. יאָסעלע, טאַראַס איז דער־מאָלט געליגן אַף זיין געלעגער. און די שטוב־מענטשן האָבן געמיינט, אַז ער שלאָפט, האָבן זיי דערציילט, אַז די דייטשן האָבן באַגראָבן אַ סאַך אידן לעבעדיקערהייט. יאָסעלע איז דעמאָלט אַראָפּ פון זיין געלעגער און אריין אין שטוב און געפּרעגט מיט טרערן אין די אויגן: „און מיין מאַמע און מיין טאַטע און מיינע שוועסטער?״ — — — —

אַלע שטוב־מענטשן האָבן אַרונטערגעלאָזן די אויגן און גאָרניט געענטפערט. נאָר יאָסעלע האָט שוין פאַרשטאַנען...

און אַפן צווייטן טאָג זיינען אַרונטערגעקומען די דייטשן אויף מאָטאָרציקלעטן און אַטאָמאָבילן. זיי האָבן באַפוילן אַלע מענטשן אַרויסצוקומען אַפן גרויסן פּלאַץ. דייטשע אָפיצירן זיינען געגאַנגען איבער די רייען און יעדן איינעם אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן. און ווער ס'איז זיי ניט געפעלן געוואָרן האָבן זיי גלייך אַרעסטירט. צען אידישע קינדער, וואָס מע האָט זיי דערקענט אין אויסזען, אַז זיי זיינען אידישע, האָט מען אויך אַרעסטירט.

אַ גאַנצע נאַכט איז דאָס דאָרף ניט געשלאָפן. מע האָט מוירע געהאַט. און מע האָט געטראַכט וואָס צו טאָן מיט די אידישע קינדער, וואָס די דייטשן האָבן נאָך ניט דערקענט. וואָס זאָל מען טאָן מיט זיי? — וואו באַהאַלט מען זיי?

און אויפן צווייטן אינדערפרי האָבן פּייקלען גע־

פויקט און מע האָט ווידער גערופן אַלע מענטשן פון דאָרף, נאָר דאָס מאָל האָט מען שוין יאָסעלען ניט געוואָלט מיטנעמען. זיי האָבן אים געלאָזט אין הויז און אָנגעזאָגט ניט אַרויסגיין פון הויז ביז זיי וועלן אַהיים קומען. נאָר יאָסעלע האָט ניט געוואָלט בלייבן אין הויז. ער האָט זיך שטיל אַרויסגעגאַנוועט פון דער הויז און זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן דאַך און פון דערווײַטנס געקוקט.

וואָס יאָסעלע האָט געזען האָט ער זיך ניט געקענט גלויבן זײַנע אויגן. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט פון אַזאַ זאַך און קיינמאָל ניט געלייענט פון אַזאַ ווילדקייט אַפילו אין די ביכער פון די אַלטע צײַטן ווען די מענטשן זײַנען געווען קאַניבאַלן: אַרום און אַרום זײַנען געשטאַנען דייטשע סאָלדאַטן מיט אויסגעשטרעקטע באַיאָנעטן. אַ צאָל דייטשע אָפיצירן האָבן געוואָרפן די צען אידישע קינדער אין דער לופטן און די סאָלדאַטן האָבן זיי געדאַרפט כאַפּן אויף די באַיאָנעטן. מע האָט אַזוי לאַנג געוואָרפן מיט די קינדער, ביז זיי זײַנען אַלע געבליבן הענגען אויף די ביקסן — —

ס'איז געוואָרן אַ גרויסער הורא. הויכע, ווילדע געשרייען. דערנאָך האָט מען געבראַכט אַ וואָגן, אַ קליינעם וואָגן. מע האָט אַלע קינדער אַרײַנגעוואָרפן אין וואָגן, ווי מע וואַרפט אַרײַן געקוילעטע הינער. מע האָט אײַנגעשפּאַנט אַ לאָשיקל. אַ יונג שוואַרץ לאָשיקל. די אָפיצירן זײַ-

גען צוגעגאַנגען צום לאַשיקל און עס באַטראַכט און עס געגלעט, זייער וואַרעם געגלעט מיט ליבע! — — —

מער האָט יאַסעלע ניט געזען. ער איז אַראָפּ פון דאַך און אַריין אין הויז. ער האָט געלאָזט אַ צעטעלע, אַז מיט אַזעלכע מענטשן, ווי די דייטשן זיינען, וויל ער מער ניט וואוינען אין איין דאָרף. ער לויפט אַוועק אין וואַלד אַריין. ער וועט שוין בעסער לעבן צווישן כייעס — — —

און ער איז אַנטלאָפן.

טעג און נעכט פון הונגער און שרעק האָט יאַסעלע איבערגעלעבט. ער ווייסט ניט וויפל טעג און נעכט. נאָר זייער אַ סאַך, זייער אַ סאַך. ער ווייסט ניט ווען ער איז גרוי געוואָרן.

נאָר איינמאָל האָט ער אַזוי אַרומגעוואַנדערט אין וואַלד, האָט ער מיטאַמאָל דערזען אַ רויך. פריער האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן, ער האָט געמיינט, אַז די דייטשן זיינען אים געקומען זוכן. נאָר דערנאָך האָט ער פאַוואָלינקע גענומען אַרויפּ־קריכן אויף אַ בוים, אויפן שפּיץ פון אַ הויכן בוים. האָט ער דערזען עטלעכע פּויערישע מענטשן זיצן אַרום אַ פייער. מע קאָכט און מע זינגט אין דער שטיל. ער האָט זיך גוט איינגעקוקט און דער־קענט איינקע מענטשן פון זיין דאָרף. ער איז גלייך אַרונטער און צוגעלאָפן צו זיי. זיי האָבן אים דערקענט און אים אַרומגעכאַפּט קושן: „יאַס־

קע—טאַראַס, יאַסקע—טאַראַס, דו לעבסט?" —
האָבן זיי זיך אַלע געפרייט. —

און זיי האָבן יאַסעלען דערציילט, אַז זיין ברי־וועלע, וואָס ער האָט געלאָזט, „אַז ער וועט שוין בעסער לעבן מיט די כייעס אין וואַלד איידער מיט די דייטשן", האָט מען געלייענט איבערן גאַנצן דאָרף, און ניט נאָר אין זייער דאָרף, נאָר איבער אַ סאַך דערפער. און אַ סאַך מענטשן זיינען אַוועק אין וואַלד אַריין. זיי זיינען געוואָרן פּאַרטיזאַנען.

„וואָס טוען די פּאַרטיזאַנען?" —האָט יאַסעלע געפרעגט בא די מענטשן אין וואַלד.

„זיי רייסן אויף בריקן, אַז באַנען מיט דייטשע סאָלדאַטן זאָלן אַריינפאַלן גלייך אין וואַסער אַריין. זיי צעשטערן די רעלסן, אַז באַנען זאָלן זיך איבער־קערן. זיי צינדן אונטער הייזער מיט דייטשע פאַשיסטן. זיי פאַרכאַפּן געווער. זיי שלאָגן זיך קעגן סוינע און העלפן דערמיט דער רויטער אַרמיי וואָס שנעלער אַרויסצוטרייבן די נאַצים פון לאַנד. זיי ראַטעווען מענטשן פון געפאַר. באַזונדערס ראַ־טעווען זיי אידישע קינדער."

„איך וויל אויך זיין אַ פּאַרטיזאַן!" — האָט זיך יאַסעלע געבעטן.

„ניין, דו ביסט נאָך צו יונג. מיר וועלן דיך באַ־האַלטן און אָפּהיטן. מיר וועלן דיר געבן עסן און טרינקען, און ווען מיר וועלן נאָר קענען, וועלן מיר דיך אָפּשיקן גלייך קיין מאָסקווע, צו סטאַ־

לינען. ער וועט שוין קריגן פאַר דיר אַ היים"...
אַזוי האָבן געזאָגט צו יאָסעלען די גוטע פּאַרטיזאַנען.

און פיל טעג און נעכט, זייער פיל, ער געדענקט שוין ניט וויפיל, האָט ער געוואוינט מיט די פּאַרטיזאַנען אין וואַלד. יאָסעלע האָט זיך אויסגעלערנט צו דערקענען דעם אונטערשייד צווישן דעם רויש פון בלעטער אין וואַלד און דעם רויש, וואָס אַ מענטש מאַכט, ווען ער גאַנוועט זיך אין וואַלד. ווי אַ שפּיר־הונט, האָט ער נאָכגעשנישטערט יעדן גערויש. ער האָט עפּעס געוואָלט טאָן פאַר די פּאַרטיזאַנען. ער האָט זיי געהיט פון געפאַר.

ער האָט געהאָלפן דעם אַלטן וואַסיל קלייבן שפּענדלעך צו מאַכן אַ פייער. ער האָט געהאָלפן שיילן די בוריקעס פאַר באַרשט. ער האָט געהאָלפן מיט וואָס ער האָט געקענט.

און אַמאָל האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דעם וואַלד. זיי האָבן אַ סאַך געשאָסן. און די פּאַרטיזאַנען האָבן זיך באַהאַלטן. דערנאָך זיינען זיי אַוועק אין אַן אַנדער וואַלד — — —

יאָסעלע קען זיצן און דערציילן אַ סאַך מייסעס פון די פּאַרטיזאַנען. און ווען די לערערין סאָרע מאַכט אַ פייער און שפּילט די פּאַרטיזאַנען־שפּיל איז ער זייער צופרידן. דעמאָלט האָט ער פאַר גאָרניט און פאַר קיינעם ניט קיין מורע. ער

שלוימע דאַווידמאַן

זינגט מיט מיט אַלע קינדער דאָס לידל, וואָס די לערערין סאַרע האָט אַליין אויסגעטראַכט:

„די גוטע פּאַרטיזאַנען,
פון דאָרטן און פון דאַנען,
טוען אויף וואונדער —
זיי ראַטעווען קינדער" — — —

„און וויפיל יאָרן איך וועל לעבן, וועל איך געדענקען, איך וועל עס זען פאַר מיינע אויגן און עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי אַזוי די דייטשן האָבן געוואָרפן אידישע קינדער אין דער לופטן, זיי געכאַפּט אויף די באַיאָנעטן און זיי אויסגעהאַרגעט מיט גרויס פרייד, ווי שרעקלעכע גאַזלאָנים. נאָר אַ קליין פערדל, וואָס איז אַפילע קיין מענטש ניט, האָבן זיי געגלעט מיט אַ שמייכל, מיט ליבע; נאָר דאָס לאַשיקל האָבן זיי געגלעט!" . . .

„יונגוואַרג", יאַנואַר, 1946.



אַז דאָס הינטעלע האָט אַזש געוויינט

כּאוועלע איז היינט געוואָרן צען יאָר אַלט. זי איז שוין אַ גרוים מיידל. זי האָט גרויע אויגן און בלאָנדע האָר. איר פּנים איז ערנסט, נאָך בלאַס־לעך אַביסל. אַז זי גיט אויף אימיצן אַ קוק, קען מען גלייך דערקענען, אַז זי איז קלוג און זי פאַר־שטייט שוין אַ סאַך זאַכן אין איר יונג לעבן.

זי לערנט זיך גוט אין דער קינדער־היים אין בי־ראָ־בידזשאַן. זי איז איינע פון די בעסטע קינדער. זי קען שוין אַליין איבערוואַשן אירע קליידלעך און זאָקן. זי קען שוין אַביסל נייען און קאָכן, און שרייבן און מאָלן האָט זי ליב זייער אַ סאַך.

די לערערין סאָרע, וואָס איז אַ מאַמע צו אַלע קינדערלעך, האָט זי זייער ליב. כּאוועלע העלפט זייער פיל אַרוים דער לערערין סאָרע, ווייל פאַר אַ מאַמען, וואָס האָט צוואַנציק קינדער, פאַלט זיי־ער שווער די אַרבעט. שפּילט זיך כּאוועלע מיט די קלענערע קינדערלעך, דערציילט זיי מייסעס און העלפט זיי מאָלן בילדער.

דאָס באַליבטסטע בילד, וואָס כּאוועלע האָט ליב צו מאָלן, איז אַ הויז מיט אַ טאַטן און אַ מאַמען מיט אַ סאַך קינדערלעך. און זי, כּאוועלע, זאָגט די קליינע קינדערלעך, אַז ווען זי וועט אויסוואַקסן, ווערן אַ גרויסע, וועט זי כּאַסענע האָבן און האָבן אַ סאַך, אַ סאַך קינדערלעך. איין קינד וועט הייסן „מיין טאַטעלע". אַ צווייט קינד וועט הייסן „מיין מאַמעלע". צוויי פון אירע מיידעלעך וועט זי אָנ־

רופֿן מיט די נעמען „שוועסטערל מאַניע און שוועס־
טערל פֿאַניע". און צוויי פֿון אירע אייניקלעך וועט
זי רופֿן מיט די נעמען „ברודערל מוישע און ברו־
דערל כייעם". און די איבעריקע קינדער וועט זי
רופֿן אויף די נעמען פֿון אירע פֿריינט און באַקאַנ־
טע, וואָס זיינען פֿאַרברענט געוואָרן אין איר דאָרף...
און אַלע קינדער פֿון דער קינדער־היים אין בי־
ראָ־בידזשאַן ווייסן שוין די מייסע פֿון כאַוועלעס
לעבן: געבוירן געוואָרן איז כאַוועלע אין אַ דאָרף
לעבן אָדעס. אירע טאַטע־מאַמע האָבן געאַרבעט
אָף די פֿעלדער מיט אַלע קאָלווירטישע פּאַרמער.
געהאַט האָט כאַוועלע צוויי עלטערע שוועסטער־
לעך און צוויי עלטערע ברידערלעך, אַ קו, אַ קעלבל,
קאַטשקעס, הינער און אַ הינטל. אַ ווייס הינטל
מיט געלע פֿלעקן. און געהאַט האָט כאַוועלע אַ
סאַך פֿריינט, און געלעבט האָט כאַוועלע פֿריילעך
אין דעם לאַנד פֿון די סאָוועטן, אין דעם לאַנד פֿון
גרויסן פֿירער סטאַלין.

„איינמאָל, דערציילט כאַוועלע, האָט מען גע־
זאָגט, אַז ס'איז געוואָרן אַ מילכאָמע. כאַוועלע
האָט גאָרניט געוואוסט וואָס מילכאָמע איז. מע
האָט איר געזאָגט, אַז מילכאָמע מיינט, אַז מע
הארגעט מענטשן. כאַוועלע האָט ניט פֿאַרשטאַנען
צוליב וואָס מע דאַרף אַ מילכאָמע און פֿאַרוואָס
זאָל מען הארגענען מענטשן. נאָר אַז זי איז דאָך
נאָך געווען אַ קינד, קען זי עפּעס לערנען דער־

וואָקסענע מענטשן? —

נאָר מיטאַמאָל האָבן אָנגעהויבן פליען עראָפּלאַ־נען איבערן דאָרף. די מילכאָמע האָט געשיקט עראָפּלאַנען אויפן הימל און די עראָפּלאַנען האָבן אַרונטערגעוואָרפן באָמבעס. און די באָמבעס האָבן געמאַכט פייערן. און אַלע מענטשן, פערד, קי, קאַטשקעס, און הינער און הינטלעך האָבן מיט־אַמאָל אָנגעהויבן מוירע צו האָבן.

מע האָט אָנגעהויבן צו פאַרפּאַקן דאָס גאַנצע דאָרף אויף וועגענער, אויף אַטאָמאָבילן און מע האָט זיך געלאָזט פאָרן קיין מאָסקווע. נאָר אַזוי ווי מע האָט נאָר אָנגעהויבן צו פאָרן, זיינען אַנט־קעגן געקומען די דייטשן אויף אַטאָמאָבילן און מאָטאָרציקלעטן און יעדן איינעם באַפוילן זיך אומ־קערן אין דאָרף אַריין.

און איינמאָל האָבן גענומען די דייטשן און פאַר־טריבן אַ סאַך מענטשן אין אַ גרויסער הויז, די גרעסטע הויז אין דאָרף. דאָרטן איז געווען מיין טאַטע און מיין מאַמע, מיינע שוועסטערלעך און ברידערלעך און נאָך אַ סאַך מענטשן. מע האָט מיך אויך געוואָלט אַריינפירן אין דער גרויסער הויז, נאָר שכיינים האָבן מיך אַוועקגעשלעפּט און געהאַלטן אויף אַ בוידעם מיט נאָך קינדערלעך.

און מיין וויים הינטעלע מיט די געלע פלעקן, מוציקל, איז געווען מיט מיר. מיר זיינען געלעגן אויסגעצויגן אויפן דיל און אַרויסגעקוקט דורך אַ

פענצטער. מיטאַמאָל האָבן די דייטשן אָנגעצונדן דאָס גרויסע הויז פון אַלע פיר זייטן. אַלע מענטשן, וואָס זיינען געווען אין דער הויז האָבן אָנגעהויבן שרייען און וויינען און קווייטשען. זיי האָבן אָנגעהויבן לויפן צו די פענצטער און טירן. זיי האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען פון פייער. נאָר לעבן יעדער טיר און יעדן פענצטער זיינען געשטאַנען דייטשע סאָלדאַטן און געשאָסן אויף יעדן איינעם, וואָס האָט זיך באַוויזן. און דאָס גרויסע הויז מיט די מענטשן האָט געברענט אין אַ גרויסן, גרויסן פייער.

און מיר, די קליינע קינדער, זיינען געליגן און געוויינט, אַ סאַך געוויינט. און דאָס קליינע הינטעלע איז געליגן לעבן אונדז און אויך געוויינט" — — —

דערנאָך זיינען געקומען לאַנגע טעג פון הונגער און נויט און שרעק. כאַוועלע האָט זיך געדאַרפט היטן פאַר די דייטשן. זי האָט ניט געטאָרט רעדן קיין אידיש וואָרט. מ'האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי הייסט העלענע. מע האָט זי געפירט פון דאָרף צו דאָרף. אַלעמאָל אין אַן אַנדער הויז. ביז די רויטע אַרמיי איז איינמאָל אָנגעקומען. פון דעמאָלט אָן האָט זי שוין ניט מורא געהאַט. זי מעג שוין רעדן אידיש. און איר נאָמען איז שוין צוריק, כאַוועלע — — —

די לערערין סאָרע העלפט כאַוועלען פאַרשרייבן

אידישע קינדער אין בירא־בידזשאַן

אַלץ, וואָס זי האָט דורכגעלעבט. און היינט, ווען כאַוועלע איז געוואָרן צען יאָר אַלט, שרייבט זי אַ גרויסן בריוו קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע זיינען דאָ אַ סאַך אָרגאַניזאַציעס וואָס העלפן די „אידישע קינדער אין בירא־בידזשאַן", וואָס האָבן געליטן פון דער מילכאָמע. שרייבט היינט כאַוועלע אין בריוו וועגן איר ווייסן הינטל מוציק. דאָס הינטל מיט די געלע פלעקן, וואָס האָט געוויינט ווי אַ מענטש — — —

„ניי לעבן" דעצ. 1945

שלוימע דאַווידמאַן

און פון שטעקן איז געוואָרן אַ שלאַנג !...

(געווידמעט מיינע לאַנדסלייט פון מאָגילאָוו־פּאָדאָלסק)

מוישעלע איז שוואַרץ, ווי אַ ציגיינער־איינגל. זיינע אויגן זיינען שוואַרץ. זיינע האָר זיינען געוואַקסן געדיכט און גלאַנצנדיק, און שוואַרץ, ווי פּעך.

מוישעלע איז שטענדיק פאַרטראַכט. ער רעדט זייער ווייניק מיט די איבעריקע אינגלעך און מיידלעך פון דער היים פאַר „אידישע קינדער אין ביראָ־בידזשאַן". די לערערין סאַראַ, וואָס איז אַ מאַמע און אַ לערערין צו אַלע קינדער, ווייסט שוין, אַז מוישעלע איז אַ פאַרטראַכטער. זי האַלט אויף אים אַן אויג בײַ יעדער אַרבעט. אַפילו אין מיטן עסן קען ער זיך פאַרטראַכטן אַזוי טיף, אַז ער זאָל אַפילו ניט וויסן, אַז ער האַלט אין מיטן עסן. און אויך אין קלאַס, אין מיטן דער לעקציע, קען ער זיך אַזוי פאַרקוקן ערגעץ ווייט, ווייט, אַז ער זאָל אַפילו ניט וויסן, אַז ער געפינט זיך אין שול.

די ערשטע צייט, ווען מוישעלע איז נאָר וואָס אָנגעקומען אין דער קינדער היים, און די קינדער האָבן אים נאָך־ניט־גוט אַזוי געקענט, האָבן זיי געלאַכט פון אים. זיי האָבן אים גערופן „דער פאַרטראַגענער מאַלעך" און „מוישע דער טרוימער" און נאָך אַזעלכע גרויסע נעמען.

נאָר אַז זיי האָבן געזען, אַז מוישעלע מאַכט

זיך ניט ווי ער זאָל וועלן זיין אומיסטן פאַרטראַכט, נאָר אַט אַזוי איז ער, אַ פאַרטראַכטער, האָבן זיי זיך צו אים צוגעוואוינט און אים צורו געלאָזט.

נאָר די לערערין סאָרע האָט אים געהיט, אַז ער זאָל עסן גוט, וועט ער אויסוואַקסן אַ געזונטער און אַ שטאַרקער. זי האָט אויך געזען, אַז ער זאָל זיך לערנען גוט, וועט ער אויסוואַקסן אַ געלערנטער מענטש. און די איבעריקע צייט האָט זי אים גע־לאָזט טראַכטן.

און מוישעלע האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך אַ שטעקן. ער האָט קיינעם ניט געשלאָגן מיטן שטעקן. ער האָט אַפילו קיין פליג אויף דער וואַנט ניט געטשעפּעט, אַזאַ שטילער איז מוישע־לע געווען. נאָר ער האָט זייער ליב געהאַט זיין שטעקן. די לערערין סאָרע און די קינדער פון דער היים ווייסן שוין גוט פאַרוואָס ער האָט ליב דעם שטעקן. ער שלאָפט אַפילו מיט אים אין בעט, און מע לאָזט אים דאָס טאָן.

ווען די קינדער פלעגן זיך שפּילן אויפן הויף, האָט זיך מוישעלע פאַרקליבן אין אַ ווינקל און געשניצט מיט אַ מעסערל זיין שטעקן, געמאַכט קאַרבן, געבויערט לעכעלעך און אַריינגעקוקט אין אַ בוך, געקוקט אַפן שטעקן און ווידער זיך גענו־מען צו דער אַרבעט. מוישעלע וויל מאַכן פון דעם שטעקן אַ שלאַנג. אַז ער וועט פאַרטיק ווערן מיטן שניצן און קאַרבן, וועט ער נעמען גרינע און געלע

פאַרבן און אַרומטאַלן זיין שטעקן־שלאַנג. און ער וועט אים האַלטן מיט זיך אויף זיין גאַנצן לעבן.

נאָר וואָס ער וועט טאָן אינגאַנצן זיין לעבן מיט זיין שטעקן־שלאַנג, ווייסט נאָך מוישעלע אַליין אויך ניט. און די קינדער פון קינדער־היים און די לערערין סאָרע ווייסן געוויס ניט, וואָס ער וועט טאָן מיטן שטעקן־שלאַנג.

נאָר אַלע קינדער זיינען דאַנקבאַר מוישעלען דערפאַר, וואָס צוליב זיין שטעקן־שלאַנג האָט די לערערין סאָרע זיי דערציילט אַ סאַך שיינע מיי־סעס פון דער ביבל, פון די גאָר־אַלטע ציימן. צי עס זיינען עמעסע אָדער אויסגעטראַכטע מייסעס, ווייסט ניט די לערערין סאָרע. עפשער, זאָגט די לערערין סאָרע, קען זיך נאָך טרעפן, אַז מע וועט אַמאָל געפינען אין דעם לאַנד עגיפטן אויסגעקריצ־טע שטיינער, וואָס זאָלן קענען באַווייזן וועלכע מייסעס עס זיינען עמעסע און וועלכע זיינען אויס־געטראַכטע.

דערווייל, ביז מע וועט אַמאָל אויסגעפינען די אויסגעקריצטע שטיינער, זיצן די קינדער פון בי־ראָ־בידזשאַנער קינדער־היים און הערן זיך צו צו די שיינע מייסעס פון דער ביבל, וואָס די לערערין סאָרע דערציילט:

„אַז ס'איז געווען אַמאָל אַ קלוגער אינגל, האָט ער געהייסן אַווראַהאָם. זיין טאַטע האָט געהייסן טערעך און ער איז געווען אַ שטיין־האַקער. פון

שטיינער האָט ער אויסגעהאַקט געשטאַלטן פון מענטשן און ער האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען געטער. אָרעמע מענטשן, ווען דאָס לעבן איז געגאַנגען שווער און זיי האָבן געזוכט אַ הילף פון אימיצן, האָבן געטראַכט, אַז עפּשער זיינען די שטיינער־געשטאַלטן געטער און עפּשער וועלן זיי קענען עפּעס העלפן אין לעבן. האָבן זיי געקויפט בא טרעכן די שטיינער־געטער. נאָר אַוורהאָם — דאָס קלוגע אינגל פון טערעכן, האָט ניט געוואָלט גלויבן אין זיי, און דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט גלויבן אין זיי, האָט אים זיין טאַטע אַרויסגעטריבן פון דער הויז.

און אַוורהאָם איז אַוועק איבער דער וועלט זוכן אַן עמעסן גאָט. אַזאַ מין גאָט, וואָס מע זאָל קענען זאָגן אויף אים, אַז ער האָט באַשאַפן דעם הימל, די ערד, די שטערן, די לעוואָנע און די זון. — — —

ער איז געווען דער ערשטער איד אָף דער וועלט.

און אַז אַוורהאָם איז גרויס געוואָרן, האָט ער כאַסענע געהאַט מיט אַ מיידל. און איר נאָמען איז געווען סאַרע.

(איצט פאַרשטייען שוין די „אידישע קינדער אין ביראָ־בידזשאַן" פאַרוואָס זייער לערערין טראָגט אַזאַ שיינעם נאָמען סאַרע).

און זיי האָבן געהאַט אַ זון ייצכאָק. און אַז ייצ־

כאָק איז געוואָרן אַ גרויסער, האָט ער כאַסענע געהאַט מיט אַ מיידל ריווקע. און זיי האָבן גע־האַט אַ זון יאַנקעוו. און אַז יאַנקעוו איז גרויס גע־וואָרן האָט ער כאַסענע געהאַט מיט אַ מיידל ראָכל. און זיין פרוי איז געשטאָרבן. האָט ער כאַסענע געהאַט מיט איר שוועסטער לייע. און זיי האָבן געהאַט דרייצן קינדער. 12 אינגלעך און איין מיידל.

און צווישן אַלע קינדער איז געווען איינער יאָ־סעף. (און עפּשער האָט סטאַלין דערפאַר זיך גע־נומען דעם ערשטן נאָמען יאָסעף? — האָבן די קינדער געטראַכט) און ער איז געווען זייער אַ שיינער און אַ קלוגער. נאָר ער האָט זיך געהאַלטן גרויס, געווען אַ טרוימער, אַ פאַרטראַכטער, און זיך איינגערעדט, אַז ער וועט זיין דער פירער פון אַלע ברידער.

האָבן אים די ברידער פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט אין דעם לאַנד עגיפּטן, וואָס רופט זיך אויף אַלט־יידיש (העברעאיש), מיצרייעם. נאָר אַנשטאָט אַ קנעכט, איז יאָסעף געוואָרן דער צווייטער צום קי־ניג פון יענעם לאַנד. און שפּעטער האָט יאָסעף אריבערגעבראַכט זיין פאָטער און אַלע זיינע ברי־דער מיט זייערע פאַמיליעס אין דעם לאַנד עגיפּטן און זיי באַזעצט אין דער שטאָט גוישן. און פאַר לאַנגע יאָרן האָבן די אידן דאָרטן געלעבט גוט.

און יאָרן זיינען אַוועק און יאָסעף איז דאָרט געשטאָרבן. און דער קיניג, וואָס האָט יאָסעפן

גרוים געמאַכט, איז א יך געשטאָרבן. און דער נייער קיניג האָט פיינט געהאַט די אידן, האָט ער זיי געמאַכט פאַר שקלאַפן. זיי האָבן געקנאָטן ליים און געטראָגן ציגל אונטער דער וואך פון היטער, וואָס האָבן געשלאָגן מיט בייטשן. און דאָס לעבן זייערס איז געוואָרן זייער שווער.

און דער קיניג האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע אידישע אינגלעך, וואָס וועלן געבוירן ווערן בא אידישע עלטערן, זאָל מען אַריינוואַרפן אין טייך נילוס, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט אויסוואַקסן צווישן די אידן אַ גרויסער העלד, וואָס וועט באַפרייען די אידן פון שקלאַפעריי"...

„און דאַ קומען מיר צו די מייסעס, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז אונדזער מוישעלע זאָל זיך מאַכן פון אַ שטעקן אַ שלאַנג" — האָט די לערערין סאַרע דערציילט.

און די אידישע קינדער אין „בירא-בידזשאַן" האָבן זיך נאָך שטאַרקער איינגעהערט צו די רייד פון זייער ליבער לערערין.

„און ס'איז געבוירן געוואָרן אַ אינגעלע בא אידישע עלטערן. די מאַמע האָט געהייסן יאָכעוועד און די שוועסטער האָט געהייסן מיריעם. און די מאַמע האָט מורא געהאַט צו האַלטן דאָס קינד אין איר הויז. האָט זי אַריינגעלייגט איר אינגעלע, מוישעלע, אין אַ קעסטל און עס אַוועקגעלייגט לעבן ברעג פון טייך נילוס. און די שוועסטער מיריעם

איז געשטאַנען לעבן אַ בוים און געוואַרט צו זען, וואָס מיט איר ברודערל וועט געשען. און דעם שלעכטן קיניגס טאָכטער איז זיך געקומען באָדן מיט אירע מיידלעך אין טייך. און זי איז געזען אַ גוטע. אַז זי האָט דערזען דאָס שיינע אינגעלע אין דעם קעסטל, האָט זי עס ליב באַקומען און עס גענומען צו זיך אין פּאַלאַץ און אים דערצויגן פאַר איר קינד.

נאָר אַז מיישעלע איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסער און איז אַרויסגעגאַנגען איבער די גאַסן פון לאַנד עגיפּטן און געזען ווי אַזוי מע שלאָגט און מע פּייניקט די אידן, און ווי אַזוי די אידן שקלאַפן שווער, האָט ער זיך פאַר זיי אָנגענומען. ער האָט דערהאַרגעט אַ היטער און גערופן די אידן, אַז זיי זאָלן זיך פאַראייניקן און קעמפן פאַר זייער פריי-הייט.

און דערהייל איז מיישע אַנטלאָפן אין די בערג. דאָרטן האָט ער אויסגעטראַכט פּלענער ווי אַזוי צו באַפרייען די אידן פון שקלאַפעריי. איינער פון די פּלענער, וואָס יענער מיישע האָט פאַרטראַכט איז געווען צו מאַכן פון אַ שטעקן אַ שלאַנג. און אָט מיט דעם שטעקן-שלאַנג האָט ער געקענט אַלעס טאָן: ער האָט אים געוואָרפן אויף דער ערד, און ער איז געוואָרן אַ לעבעדיקער, קריכנדיקער שלאַנג. מיטן שטעקן-שלאַנג האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אי-בערן טייך נילוס, און דאָס וואַסער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלוט. און עפּעס איז דאָס פאַרוואַנדלט

געוואָרן אין בלוט פון די אידישע קינדערלעך, וואָס זיינען דאָרטן דערטרונקען געוואָרן. און שפּעטער האָט יענער מיישע געשפּאָלטן דעם יאָם מיט זיין שטעקן־שלאַנג און אַריבערגעפירט אַלע אידן פון לאַנד עגיפּטן און זיי באַפרייט פון שקלאַפעריי — —

דער ערשטער אידישער באַפרייער און העלד מיישע איז פאַרשריבן אין דער ביבל מיט די מייסעס פון אַ שטעקן־שלאַנג — —

„נאָר וואָס אַנדערע מיישעלע וועט טאָן מיט זיין שטעקן־שלאַנג, ווייסן מיר נאָך ניט!“ — האָט די לערערין באַרג פאַרענדיקט די מייסעס — —

אָבער וואָס האָבן די אַלע מייסעס צו טאָן מיט מיישעלען פון דער שול־היים „אידישע קינדער אין ביראָבידזשאַן“? — איז אַזאַ מייסע:

מיישעלע איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף לעבן דער שטאָט מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, אין אוקראַינע, לעבן דעם שיינעם דניעסטער־טייך. און מיישעלעס טאַטע איז געווען אַ פישער. ער פלעגט כאַפּן פיש אין טייך און זיי פאַרקויפן צו דעם קאָאָפּעראַטיוו. זיין זיידע איז געווען אַ פישער. זיין־עלטער־זיידע איז געווען אַ פישער, און אַפילע זיין עלטער־עלטער־זיידע איז אויך געווען אַ פישער.

און אַלע זיינען זיי געווען געזונטע און שטאַרקע און ברייטע אידן. זיי האָבן געקענט זייער גוט שווימען. און זיי האָבן ניט מורע געהאַט פאַר די גרעסטע ווינטן, פאַר די העכסטע כוואַליעס און פאַר

די שטאַרקסטע פרעסט. זייערע פענימער און זיי־
ערע הענט זיינען געווען אַזוי שטאַרק, ווי דאָס
האָלץ פון אַ בוים. און דערפאַר וואָס זיי, די אי־
דישע פישער־לייט, זיינען געווען אַזוי שטאַרק און
געזונט, האָבן זיי געלעבט אַפילו ביז הונדערט יאָר.

און די דאָרפס־מענטשן, די אוקראַינישע פויע־
רים, זיינען געווען שטענדיק פריינטלעך צו דער
אידישער פישער־פאַמיליע. אַפילו אין די גאָר־אַל־
טע צייטן, ווען קיין כאַוועסט־לאַנד איז נאָך נישט גע־
ווען, ווען איבער רוסלאַנד האָט געהערשט אַ צאַר,
און שלעכטס האָט זיך געלעבט דעם מענטשן פון
דאָרף, און ווייניק האָט דער דאָרפס־מענטש פאַר־
שטאַנען די פירונגען פון לאַנד, און אַז מען האָט זיי
אָנגערייצט און געזאָגט, אַז אין שטאָט זיינען פאַ־
ראַן אידן, און יענע אידן זיינען שולדיק אין דעם,
וואָס זיי איז שלעכט, פלעגן זיי גיין אין שטאָט
אַריין און העלפן שלאָגן און ראַבעווען און האַרגע־
נען אידן, — נאָר די פישער־פאַמיליע האָבן זיי
נישט געטשעפעט.

ווייל זיי האָבן דאָך אַליין געזען, אַז די פישער־
לייט זיינען ערלעכע לייט. אַז זיי אַרבעטן שווער
צו פאַרדינען אויפן לעבן. און אַז די פישער־לייט
טראָגן די זעלבע אָרעמע קליידער ווי זיי, די פויע־
רים, און זיי וואוינען אין די זעלבע אָרעמע שטיב־
לעך, ווי זיי. און אַז זיי זיינען זייער גוטע און
פריינטלעכע שכנים. איז פאַרוואָס זשע זאָל מען

זיך מטשעפּען צו זיי? —

אין דערפאַר טאַקע, וואָס אין דעם דאָרף איז מער ניט געווען ווי איין אידישע פאַמיליע, איז דאָרט קיינמאָל קיין אידישע שול ניט געווען. ניט פאַר גרויסע און ניט פאַר קינדער. נאָר ס'איז שוין געווען בא זיי איינגעפירט, בא די אידישע פישער־לייט, אז א קינד איז אביסל אונטערגעוואַקסן, פלעגט מען עס אוועקפירן אין שטאָט אריין אויפן גאַנצן ווינטער. אין שטאָט האָט זיך דאָס קינד געלערנט אידיש ביז ס'איז גרויס געוואָרן, אז ס'זאָל שוין קענען ווערן א פיש־כאַפּער, אזוי איז עס אָנגעגאַנגען פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

ביז — — —

די דייטשן זיינען באַפאַלן דאָס סאָוועטישע לאַנד. די דייטשן זיינען אריין אין יעדער שטאָט אריין און אין יעדן דאָרף אריין. זיי האָבן געשלאָגן און געהאַרגעט די בעסטע מענטשן. זיי האָבן באַרויבט יעדן איינעם ביז צום העמד אויפן לייב. אין שרעקלעכע נייעטן האָבן זיך געטראָגן פון לאַנד אין מישעלעס דאָרף אריין. מישעלע איז נאָך דעמאָלט געווען זייער יונג, קוים זיבן יאָר. ער האָט גאָר ניט געקענט פאַרשטיין אַלץ, וואָס ער האָט געהערט. לויט די מינעס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון די דאָרפס־מענטשן וועגן די דייטשן, האָט ער געמיינט, אז זיי זיינען גאָר קיין מענטשן ניט. ער האָט געמיינט, אז ס'איז עפּעס אזאַ מין ביינע, וואָס

ער האָט ווײַטער נאָך ניט געהערט. און אַז די
בייזע קומען פֿון אַ פֿרעמדן לאַנד און עסן מענטשן
לעבעדיקערהייט.

מײַשעלע האָט שטאַרק אָנגעהויבן מורא צו
האָבן פֿאַר די דײַטשן. און דער טאַטע ווײַנט. און
די מאַמע ווײַנט אין דער ווײַטן. און זײַן עלטערע
שוועסטער האָבן דערמאָלט מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו
אים אַ סך צו רעדן. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז
ער איז אַ ייִד. זיי האָבן אים דערציילט אַ סך
מעשׂיות וועגן ייִדן פֿון אַמאָל; וועגן ייִדן אין די
גרויסע שטעט; וועגן ייִדן איבער דער גאַנצער
וועלט. מײַשעלע האָט זיך צוגעהערט צו די רייד
פֿון זײַנע אייגענע, נאָר ער האָט ווײַטער ווייניק פֿאַר-
שטאַנען נאָך דערמאָלט.

נאָר אַז די דײַטשן זײַנען אַרײַן צו מײַשעלען
אין דאָרף אַרײַן, האָט ער גלײַך אָנגעהויבן צו פֿאַר-
שטיין... געקומען זײַנען זיי אין שײַנע אוניפֿאָר-
מען און מיט אײַזערנע היטלען אויף די קעפּ. אויף
מאָטאָרציקלעטן און אויטאָמאָבילן זײַנען זיי אַרײַנ-
געקומען. און יעדער איינער פֿון זיי איז געשטאַנ-
ען אַזוי העלדיש און שטאַרק. און אַ סך ביקסן
האָבן זיי געהאַט. און די אָפֿיצירן ווײַטער האָבן גע-
טראָגן ברילן מיט איין גלאָז. און זיי האָבן אויסגע-
קוקט אַזוי ווי דאָקטוירים און גרויסע מענטשן, וואָס
קומען אַמאָל אַראָפּ אין דאָרף אַרײַן.

נאָר קיינער האָט ניט פֿאַרשטאַנען זייער שפּראַך.

נאָר מישעלעס פֿאַמיליע איז געווען די איינציקע פֿאַמיליע, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען צו בלייבן, וואָס זיי האָבן גערעדט אויף דייטש.

נאָר עס האָט ניט געדויערט לאַנג און אַלע האָבן אָנגעהויבן פֿאַרשטיין די דייטשישע שפּראַך: די דייטשן האָבן אויסגעפֿירט פֿון דאָרף אַלע פֿערד און אָקסן, זיי האָבן אויסגעשאָכטן אַלע קאַטש־קעס, גענדז, הינער און באַהאַלטן. מען האָט געשמיסן פֿייערס איבערן נאַקעטן לייב, אַז מען האָט געפֿינען בײַ זיי „זאַכן“, וואָס די דייטשן האָבן „באַדאַרפֿט“. און וואָס האָבן די דייטשן ניט באַ־דאַרפֿט? ...

אין איינמאָל האָט מען געפֿינען אַ דייטשן סאָל־דאַט אַ טויטן אין אַ גאָרטן. די דייטשע אָפֿיצירן האָבן באַפֿוילן אַלע דאָרפֿס־מענטשן זיך אויסשטעלן אין רייען. זיי האָבן אויסגעקליבן צען ייִנגע פּוי־ערים און זיי געהאָנגען פֿאַר די אויגן פֿון גאַנצן דאָרף.

דאָס דאָרף האָט געוויינט. און מישעלעס פֿאַ־מיליע האָט געוויינט.

אין איינמאָל האָט מישעלע זיך אונטערגעהערט צו אַ געשפּרעך, וואָס דער דייטשער קאָמענדאַנט האָט געפֿירט מיט זיין טאַטן אין שטוב. די מוטער איז געווען פֿאַרטאָגט. נאָר מישעלע מיט זיין שוועס־טער מירלען און די מאַמע זענען געשטאַ־נען לעבן שוועל־טיר און זיך אונטערגעהערט.

דער קאָמענדאַנט האָט געשריגן אויפן טאַטן מיטן זיידן: „איר זיינט אידן, און איך ווייס דאָס זייער גוט. מיך קענט איר ניט אָפּנאַרן. אין אַלע שטעט און לענדער האָבן מיר איבערגעאַרבעט אײער פאָלק. מיר וועלן אייך פאַרניכטן פון דער גאַנצער וועלט. אַזוי איז דער באַפעל פון היטלערן פון דער נאַצי־פּאַרטיי. מיר וועלן פאַרשקלאַפן די גאַנצע וועלט, ווי דער עגיפּטישער קעניג האָט אַמאָל פאַרשקלאַפט אייער פאָלק אין עגיפּטן. נאָר איר קענט זיך אויסקויפן דאָס לעבן, נאָר איר ווייסט ניט. איך גיב אייך 24 שעה צייט מיר צושטעלן אַ צעטל פון אַלע קאָמוניסטן אין דאָרף. אַ צעטל פון די פאַמיליעס, וועמעס אייגענע זיינען איצט אין דער רויטער אַרמיי, צו די פּאַרטיזאַנער. און אַ צעטל פון אַלע זאַכן, וואָס די פּויערים האָבן באַהאַלטן אין דער ערד. אַז ניט וועט איר הענגען אין מיטן דאָרף, ווי די 10 פּויערים".

אָפּגעשריגן און אָפּגעזאָגט, האָט דער קאָמענדאַנט אַרויסגעטריבן מיישעלעס טאַטן און זיידן פון צימער.

בלאַס ווי די וואַנט איז דער טאַטע מיטאַמאָל געוואָרן. און ער האָט עפּעס ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. נאָר דער זיידע, וואָס איז געווען זייער אַ קלוגער איד, האָט אינגאַנצן אַלעמען אויסגעקלערט. ער האָט גערעדט און גערעדט זייער אַ סך. ער האָט דערמאָנט אַ סך ווערטער און זאַכן, וואָס מיישע־

לע האט ניט פארשטאנען. ער האט אלעמאל גע-
זאגט „קידוש השם, קידוש האשעם". דער טאטע
און די מאמע אין די שייטער האבן געוויינט
מײשעלע האט ניט פארשטאנען נאר ער האט אויך
געוויינט.

שפעטער האט מען מײשעלען אוועקגעפירט אין
יארד ארײן. דאס ווייט פון בײך, וואו ער ווײנען
געוואקסן אבס געזעבען ביימער, איינער לעבן
צווייטן. האט דער טאטע און די מאמע אין די
שייטער און דער זיידע איבערגעלאזן א גרויסן
גרוב ייד א קײער. פון גרוב ווינען ארויסגעוואקסן
קליינע פענצטערלעך צו די געזעבען ביימער. אײ-
נעם גרוב איז געזעסן געמאכט א טיר. און איבער
דער טיר האט מען אנגעקלעפט שטיקער ערד מיט
גראז. אזוי, אז קיינער האט ניט געקענט דערקע-
נען, אז דארטן געפינט זיך א פיצל שטיבעלע.

„דא וועסטו וואוינען", האט דער טאטע גע-
זאגט צו מײשעלען, „ביז מיר וועלן פארטרײבן
די דײטשן פון אונדזער לאנד. מיר וועלן דיר ברענ-
גען ייעדן טאג עסן. און אויב מיר וועלן ניט קענען
ברענגען, וועלן מיר זען, אז אימיצער זאל דיר
ברענגען. וועסט האלטן אויף דאס טירל. קענסט
ארויסגיין פון צײט צו צײט. נאר אז די וועסט
דערהערן א גערויש פון מענטשן, זאלסטו ארײן און
זיך באהאלטן. פארשטייסטו? —"

מײשעלע האט געשאקלט מיטן קאפ, אז ער פאר-

שטים. נאָר ער האָט ווייטער מוירע געהאַט צו בלייבן אַליין.

אויפן צווייטן טאָג איז געקומען זיין שוועסטער מיריעם. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון מיישעלעס שטיבל. נאָר מיישעלע האָט ניט געענטפערט. האָט זיך מיריעם דערשראָקן און אַריינגעשריגן: „מיישעלע, דאָס בין איך, דיין שוועסטער מיריעם, עפן אויף!". ערשט דעמאָלט האָט מיישעלע אויפגעקייטלט דעם איינגעריינקבטן קייט- אין געעפנט די טיר.

„פאַרוואָס האָסטו ניט געעפנט, ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר?" — האָט מיריעם געפרעגט.

„און פון וואַנען האָב איך געקענט וויסן, ווער עס קלאַפּט? עפּשער האָט אַ דייטש אויסגעפינען מיין אָרט און ער איז מיך געקומען האַרגענען?" האָט מיישעלע דערקלערט מיט מורא.

מיישעלע האָט דערקענט אין מיריעמס אויגן, אַז זי האָט געוויינט. ער האָט געקוקט אויף איר און זי געבעטן: „מיריעם, דערצייל מיר, האָבן זיי געהאַנגען מיין זיידן?" —

מיריעם האָט אַרומגעכאַפּט איר ברודערל מיישעלען און זיך שטאַרק צעוויינט. האָט מיישעלע אויך אָנגעהויבן צו וויינען. און אַז זיי האָבן זיך גוט אויסגעוויינט, האָט מיריעם דערציילט מיישעלען אַ שרעקלעכע מעשה. מיישעלע האָט ניט אַלעס פאַרשטאַנען, נאָר ער האָט זיך ניט איינגעהערט:

„דער ווידל האט געבעטן דעם טאטן און דער מאמען, אז זיי זאלן אנטלויפן ערגעץ, זיך באהאלטן אין ערד, אזוי ווי ער איז שוין ביי זיי אלט, ער האט שוין אפגעלעבט א לאנג לעבן, וועט ער זיך איבערגעבן דעם קאמענדאנט פון די דייטשן. זאל ער מיט אים טאן, וואס ער וויל. ווייל ער האט געזאגט, אז אויב ער וועט זיך ניט מעלדן צום קאמענדאנט, וועט דער קאמענדאנט מיט זיינע סאלדאטן ערשטער איבערהארגענען אלע מענטשן און שפעטער אונטערצינדן דאס גאנצע דארף. איז איידער מע זאל איבערהארגענען א דארף מיט מענטשן, איז ער גרייט צו שענקען זיין לעבן.

נאר דער טאטע האט געזאגט, אז ער וועט דעם ווידל ניט לאזן אליין. וואס עס זאל ניט טרעפן, זאל טרעפן, נאר אליין וועט ער אים ניט לאזן. און די מאמע האט אויך אזוי געזאגט. זיי האבן אלע דריי מיך ארומגענומען און געקושט און מיר אנגעזאגט: „מירעלע, די מוזט זען אפהיטן מיישעלען. די זאלסט אים ברענגען עסן, הערסט?” און מער האבן זיי צו מיר ניט גערעדט. זיי האבן מיך ארויסגעשטופט פון דער הויז און אנגעזאגט זיך באהאלטן אין קעלערס, אויף בוידעמער, נאר איך זאל זען, אז די דייטשן זאלן מיך ניט כאפן.

נאר מיטאמאל איז געווארן א גרויסער טומל אין דארף. די דייטשן זיינען געגאנגען און געפייקט אין די גאסן. זיי האבן יעדן געריסן פון די הייזער.

יעדער איינער האט זיך געוואלט איבן גרייכן פֿראַן. איך בין אויך געגאנגען מיט די שכנים. נאָר מיין קאָפּ האב איך געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן, אַז זיי זאָלן מיך ניט דערקענען. די דייטשן האָבן גע-פֿירט דעם זיידן, דעם טאַטן, די מאַמען און נאָך זיבן מענטשן.

מע האט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גרייכן פֿראַן און אידער מע האט זיי געהאנגען האט זיך יע-דער געזעגנט מיטן דאָרף. יעדער איינער האט איבערגעשריען אַ פּאָר ווערטער. די מאַמע האט גע-שריגן: „איך שטאַרב פֿאַר מיין פֿאָלק, פֿאַר מיין לאַנד, פֿאַר מיין דאָרף, היט אָפּ מיינע קינדער!" דער טאַטע האט געשריגן: „מיר וועלן בעסער שטאַרבן אידער פֿאַרראַטן!" און דער זיידע האט געשריגן מיט אַזאַ גרויסער שטימע, עפּעס ווייער אַ שטאַרקע שטימע האט ער באַקומען פֿאַרן טויט: „קיין פֿאָלק קען מען ניט פֿאַרניכטן און דיין פֿאָלק קען מען אויך אייביק ניט פֿאַרשקלאַפֿן. אין איי-נעלע, מישעלע, וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן אין לאַנד מיצראַיִם, האט באַפֿרייט זיין פֿאָלק און געגעבן דער וועלט די צען געבאָטן. עס וועלן די-מען נאָך אייניקלעך און וועלן נעמען נקמה פֿאַר אונדז און פֿאַרניכטן דאָס שלעכטס פֿון דער וועלט" — — —

און ווען אַלע זיינען שוין געהאַנגען איז די טליעס און שטיל איז געוואָרן. און די געהאַנגענע

האָבן זיך אָנגעהויבן ווייגן, האָט דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון דאָרף מיט זיי זיך געוויגט. און דער הימל האָט זיך געוויגט און די ערד האָט זיך געוויגט.

און ווען איך האָב א קוק געטאָן, האָב איך באַמערקט דער מאַמעס אויגן, דעם טאַטנס און דעם זיידנס אויגן. זיי האָבן געקוקט אויף מיר און מיט די ליפּן האָבן זיי באַוועגט. און דאַכט זיך, אַז זיי האָבן געשעפּטשעט: „היט אָפּ מײַשעלען, היט אָפּ מײַשעלען!“ . . .

און אַז מיריעס האָט פֿאַרענדיקט, האָט זי ווידער אַרומגעכאַפּט איר ברידערל מײַשעלען און זיך צעוויינט.

און מיריעס האָט געגעבן מײַשעלען עסן און טרינקען. זי האָט אים איבערגעלאָזט עסן אויף שפּעטער, ווען ער וועט נאָכאַמאָל הונגעריק ווערן. זי האָט אים דערציילט מעשׂיות. נאָר אין מיטן פֿון דערציילן א מעשׂה, האָט זיך אָנגעהויבן א שטאַרקער שיסערײַ. די קינדער האָבן זיך דערשראָקן. מיריעס האָט מײַשעלען גלײַך אַרײַנגעלאָזט אין זײַן גריב אַרײַן און פֿאַרמאַכט די טיר. און אַלײן האָט זי זיך באַהאַלטן ערגעץ אין וואַלד.

און מער איז שוין מיריעס קיינמאָל צו איר ברידערל מײַשעלען ניט געקומען. ווי לאַנג מײַשעלע איז אַזוי געלעגן פֿאַרשלאָסן, ווייסט ער ניט. נאָר ווײַזט, זייער לאַנג. ער האָט שוין געהאַט אויפֿגעגעסן, וואָס זײַן שוועסטער האָט אים געלאָזט. און

אַז ער איז געוואָרן שרעקלעך הונגעריק, אַזוי הונ-
געריק, אַז ב׳האָט געדאַכט באַלד שטאַרבן, האָט ער
שטיל אויפגעפּעקעט זײן טירל און פּאַוואָלינקע
אַרויסגעקראָכן. דער יאָלד איז געשטאַנען שטיל.
אין פֿון דאָרף האָט זיך גאָרניט געהערט. אין מיי-
שעלען האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט איז
געשטאָרבן. נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערזען אַ
גרויסע שלאַנג קריכן. ער האָט זיך דערשראָקן און
געוואָלט אַנטלויפן, נאָר די שלאַנג האָט איינגע-
הויבן איר קאָפּ און אַרײנגעקוקט מיישעלען אין
די אויגן. און די שלאַנג האָט אַרונטערגעלאָזט דעם
קאָפּ און אַוועקגעקראָכן.

האָט שוין מיישעלע מער ניט מורא געהאַט אַזוי
שטאַרק פֿאַר די בהמות אין וואַלד, נאָר ער האָט
מורא געהאַט פֿאַר די מענטשן אין דאָרף. ווײל, אַז
זיי וועלן אים דערזען, וועלן זיי אים זיכער האַר-
גענען. ער האָט זיך געדוקט לעבן די ביימער, אַז
קיינער זאָל אים ניט באַמערקן, ביז ער איז אָנגע-
קומען נאָענט צום דאָרף. נאָר ער האָט דאָס דאָרף
ניט דערקענט. הייזער זיינען געלעגן צעבראָכענע
און צעברענטע און קיין מענטשן האָט מען ניט גע-
זען.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די צעבראָכענע
שטיינער און ברעטער און געזוכט עפּעס עסן. ער
האָט געזוכט און געזוכט. מיטאַמאָל האָט ער דער-
הערט דאָס גאַלאָפּירן פֿון פֿערד. ער האָט זיך

שטאַרק דערשראָקן. דייפן האָט ער שוין מיידע גע־האַט, ווייל באַמער וועגן איז די רייטער דערזען. האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אַף די צעבראָכענע ברעטער און אָנגעהויבן קריכן ווי אַ שלאַנג. ער האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ ברעט און אָפּגע־היטן.

ווען די רייטער זיינען צוגעקומען נעענטער, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך. מיישעלע האָט דערזען, אַז עס זיי־נען כינעזישע מענטשן. ער האָט דערהערט, אַז זיי רעדן כינעזיש. נאָר ער איז נאָך געלעגן אַ ווײַלע אין געוואַרט. מיטאַמאָל האָט איינער פון די דריי ריי־טער אַ געשריי געטאָן: „הײַ, מענטשן, רופט זיך אָן, קריכט אַרויס פון ערגעץ!"

ערשט דעמאָלט האָט מיישעלע אַרויסגעקראָכן פון זיך די ברעט און זיך געלאָזט צו זיי מיט גיך דיין זיבעטע טריט.

אַז די דריי רייטער האָבן אים דערזען, זיינען זיי אַראָפּגעשפרונגען פון די פערד און זיך צוגעלאָזט צו אים. זיי האָבן אים גענומען אַף די הענט. זיי האָבן זיך מיט אים אויסגעקושט און אים אויסגע־פרעגט, וואָס ס'איז דאָ פאָרגעקומען אין דאָרף.

מיישעלע האָט דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געזען און וואָס מיטיעס, זיין שוועסטער, האָט אים דערציילט. נאָר ווער ס'האָט צעבראָכן און פאַר־

ברענט דאָס דאָרף, ווייסט ער נים. און וואוהין די דייטשן און די דאָרפסמענטשן זיינען אַנטלאָפן, ווייסט ער נים. ער איז דאָ איינער אַליין אין מיטן דער וועלט.

„דו וועסט שוין נים זיין איינער אַליין אין מיטן דער וועלט — האָט איינער פון די רייטער זיך אָנ־גערופן — מיר וועלן דיך שוין פאַרזאָרגן מיט אַ היים, מיט אַ גוטער היים!”

און דער רויטער אַרמייער האָט אַרויפגעזעצט מוי־שעלען מיט זיך אויפן פערד און זיי זיינען אַוועקגע־פאָרן. אפן וועג האָבן זיי מוישעלען געגעבן אַביסל עסן. זיי האָבן זיך מיט אים נאָכמער צערעדט.

און פּלוצלונג רופט זיך אָן דער רויטער אַרמייער, וואָס האָט געפירט מוישעלען: „איר הערט, זיין נאָ־מען איז מוישע, און ער האָט געוואוינט אין אַ קעסטל־גרוב. און זיין שוועסטער האָט געהייסן מי־ריעם, ווי אין דער ביבל דערציילט זיך פון מוישען, דעם באַפרייער פון די אידן אין לאַנד עגיפּטן!”

„מאָדנע — האָט באַ זיך מוישעלע געטראַכט — די גאַנצע וועלט ווייסט פון דער מייסע מיט מוי־שען!...” און ער האָט זיך פאַרטראַכט. אַט דער־מאָלט, פאַרנדיק אפן פערד מיט דעם רויט־אַרמיי־ער, האָט מוישעלע באַשלאָסן, אַז ער וועט אַלעס טאָן אויסצוואוואַקסן אַ גרויסער העלד, ווי יענער באַרימטער מוישע, וואָס די גאַנצע וועלט ווייסט

וועגן אים, ־כאָטש ער איז שוין טויזנטער יאָרן טויט.

